№ 142 פרייז 2 קאפ. Lodzer Tageblatt.

לאָדזער טאַגעבלאַט

אבאנעמענטס-פרייז: אין רוסלאנד: א יאהר, 8 רובל, א האלב יאהר 4 רובל, א פערטעל יאהר 2 רובל, א חודש 70 קאפ. אין אויסלאנד: א חודש 1 רובל 25 קאפ. ענדערען דעם אדרעס קאסט 15 קאפ. אדרעס פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע: Лодзь, Петроковская 16. אדרעס פאר דעפעשען: Лодзь. Тагеблатъ

רעדאקציע און אדמיניסטראציע
פעטריקויער 16, טעלעפאן 867.
פיליע אין ווארשוי:
ה. רייזנער, טווארדא 28, טעל. 17-63.

אנאנסען-פרייז: א שורה פעטיט אין טעקסט 1.20 קאפ. ערשטע און דריטע זייט 60 ק. לעצטע זייט 80 קאפ., גראטולאציאנען, פערלאבונגס און חתונה-אנאנסען 1-טע זייט 1.50 — לעצטע זייט 1 רובל. ניט אנגענומענע ארטיקלען ווערען ניט צוריקגעשיקט. פאר'ן אינהאלט פון אנאנסען איז די רעדאקציע ניט פעראנטווארטליך.

19 (יוני) 2 יולי 1914. דאנערשטאג ז' תמוז תרע"ד זיבענטער יאהרגאנג

דער טומעל צוליב דער ערמאָרדונג פון קרוינפרינץ

די נרעסטע פאָלגען פון דעם אטענטאט. — שטימען פון דער פרעסע. — די אויפרעגונג געגען סערביען. — אנ'אפיציעלע ערקלערונג וועגען דעם מאָרד. —

די ראָליע פון דער פאָליציי אין דעם אטענטאט.

ביים קייזער פראנץ-יאזעף.

וויען (פ.) דעם 17 יוני אין דער פריה האט דער קייזער אויפגענומען דעם ערצהערצאג קארל פראנץ-יאזעף שפעטער די מיניסטארען-פרעזידענטען טיסא און שטירק. ביי טאג האט דער קייזער אויפגענומען דעם אויסערן-מיניסטער בערכטאָלד.

דער טרויער אין ווין.

וויען (פ.) די „וויענער צייטונג" מעלדעט, אז לויט דער פעראָרדנונג פון קייזער איז ארויסגעלעגט געוואָרען א טרויער פון זעקס וואכען אויף'ן הויף.

די צוקונפט פון עסטרייך.

קעלן (ספ.) די אָפיציעזע „קעלנישע צייטונג" האט אָפגעדרוקט א גרעסערן ארטיקעל וועגען דער צוקונפט פון עסטרייך אין צוזאמענהאנג מיט דער ערמאָרדונג פון טראָנפאָלגער.

לויט דער מיינונג פון דער צייטונג, איז נישט ריכטיג די בעהויפטונג פון מאנכע פאָליטיקער, אז מיט'ן טויט פון פראנץ-יאזעף וועט קומען א סוף צו דער האבסבורגער דינאסטיע, די עסטרייך-אונגארישע מלוכה וועט אויך ווייטער עקזיסטירען, ווייל די עקזיסטענץ איז א נויטווענדיגקייט. די פעלקער, וואס וואוינען אין עסטרייך זענען דערין פעראינטערעסירט און ווען עס וואלט געקומען א סוף צו עסטרייך וואלטען די דאזיגע פעלקער אליין דערפון געליטען.

די פאָליציי—מיטהעלפער אין אטענטאט.

בודאפעסט (ספ.) פון סאראיעווא מעלדעט מען, אז אלע פערברעכער, וועלכע האבען זיך בעטהייליגט אין אטענטאט אויף'ן ערצהערצאג האבען געוואוינט צוזאמען אין סאראיעווא, דער האטעל-בעזיצער, וואו זיי האבען געוואוינט האט מיטגעטהיילט דער פאָליציי, אז די פערזאנען, וואס געפינען זיך ביי איהם אין האטעל, קומען איהם פאר פערדעכטיג. א חוץ דעם האט ער מיטגעטהיילט, אז די פערזאנען ווילען נישט אויספולען די מעלדונגס-ליסטע. די פאָליציי האט זיך וועגען דעם ווענינ אינטערעסירט און נישט גענומען אין אכט די בעמערקונג פון האטעל-בעזיצער און נישט אויסגעפארשט צוליעב וועלכע צוועקען ס'זענען געקומען די דאזיגע פערדעכטיגע פערזאנען. נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס זיי האבען געוואוסט, אז ס'דארף אנקומען דער טהראָנפאָלגער.

ווייטער איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אז אין דער סאראיעוואר פאָליציי דינען 25 סערבישע פאָליציסטען, וועלכע האבען זיך בעהאלטען אין דעם טאג בעת ס'איז אנגעקומען דער טהראָנפאָלגער און בעת זיי האבען אויסגעפיהרט זייער דיענסט-פליכטען זענען זיי אויך פארגעקומען פערדעכטיג.

פיעל צייטונגען דריקען אוים זייער בעדויערען, וואס דער אטענטאט אין סאראיעווא האט געגעבען א שווערען קלאפ דעם סלאוויאנענטום און ווערט מסתמא דערנעהנטערן עסטרייך מיט איטאליען. „פטי זשורנאל" פראטעסטירט נעגען די אלגעמיינע בעשולדיגונג פון די סערבען אין אטענטאט, וואס איז אויסגעפיהרט געוואָרען פון פאנאטיקער.

דער איינדרוק אין ענגלאנד.

לאנדאן (ספ.) אין ענגלאנד האט דאס פערברעכען אין סאראיעווא ארויסגערופען די גרעסטע אויפרעגונג און דאס טיעפסטע מיטגעפיהל צו דעם עסטרייכישען קייזערליכען הויז. דער גרעסטער טהייל פון די צייטונגען דריקען אוים די איבערצייגונג, אז דא איז פארגעקומען א פאָליטישער פערראט. מיט א קורצער צייט צוריק האט אין לאנדאן געוואוינט דער סערבישער פרינץ געאָרג ביי א געוויסען הערר, וועלכער האט א פאלאץ ביי דער טעמזע.

ווען ס'איז נור בעוואוסט געוואָרען, אז דעם מארד אויף'ן עסטרייכישען טראָהנפאָלגער האבען אויסגעפיהרט סערבען, האט מען זיך דא דערמאהנט אן דער זעלטענער במעט וואהנזיניגער בענעהמונג פון פרינץ געאָרג בעת זיין בעזוך אין לאנדאן. דער פרינץ האט דערמאלט דערצעהלט איינינע פאקטען, פון וועלכע מ'האט געקענט זעהען, אז אין געוויסע קרייזען אין בעלגראד הערשט א טיעפער האס נעגען עסטרייכישען טהראָנפאָלגער פרינץ פראנץ-פערדינאנד.

דער פרינץ געאָרג, וועלכער איז, ווי בעוואוסט, געוועזען געצוואונגען זיך אָפצוזאגען פון טראָהן לטובת זיין ברודער האט אין לאנדאנער קרייזען איבערגעלאזט זעהר א נישט גינסטיגען איינדרוק.

ווייטערדיגע דעמאָנסטראציעס געגען סערבען.

סאראיעווא (פ.) בעת די נעכטיגע דעמאנסטראציעס האט מען אויסגעקלאפט די שויבען אין פאלאץ פון מיטראפאליט. דער סערבישער מיטראפאליט לעטיצא, וואס איז געשטאנען ביי'ם פענסטער איז לייכט פערוואונדעט געוואָרען אין דער לינקער האנד. אין משך פון נעכטיגען טאג זענען פארגעקומען פיעל ארעסטען.

סאראיעווא (פ.) אין סאראיעווא און אין מאסטאר זענען פארגעקומען אנטי-סערבישע דעמאנסטראציעס. אין עטליכע סערבישע הייזער האט מען אויסגעשלאגען די שויבען. וועגען אזעלכע דעמאנסטראציעס מעלדעט מען אויך פון אנדערע שטעדט.

סאראיעווא (פ.) אין גוט אינפארמירטע קרייזען פערזיכערט מען, אז די נעכטיגע אנטיסערבישע דעמאנסטראציעס זענען ארויסגערופען געוואָרען צוליעב דער שרעקליכער אויפרעגונג פון דער קאטאלישער און מאהמעדאנישער בעפעלקערונג. אין די דעמאנסטראציעס האבען זיך בעטהייליגט אלע שטאנדען פון דער בעפעלקערונג, זאגאר פרויען פון דער העכערער געזעלשאפט. כאראקטעריסטיש איז, וואס בעת די דעמאנסטראציעס האט מען נישט ערמאָרדעט קיין סערבען נור פערקעהרט די סערבען האבען דערהרג'עט א קאטאליק און א מאהמעדאנער.

די רויב-אנפאלען האבען געמאכט די כוליגאנעס, וועלכע האבען זיך בענוצט מיט דעם אלגעמיינעם טומעל.

די סערבען אנטלאפען פון דער שטאדט.

וויען (פ.) פון סאראיעווא מעלדעט מען, אז פיעל סערבען זענען אנטלאפען פון דער שטאדט מורא האבענדיג פאר געוואלד-טהאטען. ביי א דעמאנסטראציע האט מען ארעסטירט 100 פערזאן צווישען זיי עטליכע סערבישע זשורנאליסטען, די סערבישע מאגאזינען האט מען צוראבירט.

א סטודענטען-מאניפעסטאציע געגען סערביען.

וויען (פ.) א מחנה סטודענטען האבען געפרובט מאכען אין אווענד א מאניפעסטאציע פאר דער סערבישער מיסיע. די פאָליציי האט פונאנדערגעטריבען די מאניפעסטאנטען.

אנ'ערך 200 סטודענטען האבען זיך פערזאמעלט אין די שענקען און די רעסטאראנען, וואס געפונען זיך נישט ווייט פון דער מיסיע און האבען געוואלט לויט א סיגנאל פארביינעהן פאר'ן בנין פון דער מיסיע, די מאניפעסטאנטען האבען געזונגען דעם הימן און געשריען: „נידער מיט סערביען"! די פאָליציי האט פאנאנדערגעטריבען די מאניפעסטאנטען.

אנ'אפיציעלע ערקלערונג.

וויען (ספ.) אפיציעל ווערט מיטגעטהיילט: פון א ענדערונג אין דער אויסלענדישער פאָליטיק אין עסטרייך קאן איצט קיין שום רייד נישט זיין. מ'ווערט געפיהרט אנ'אונטערזוכונג, כדי פעסטצושטעלען, וועלכע ראָלע ס'האבען געשפיעלט די סערבישע אפיציעלע קרייזען אין דעם אטענטאט און וועער מ'האט זיך אין דעם בעטהייליגט. ווען מ'זאל זאגאר נישט קאנען גענוי פעסטשטעלען, אז די סערבישע רעגירונג איז פערמישט אין דעם אטענטאט איז מען מעהר ווי זיכער, אז די ראדיקאל-סערבישע געזעלשאפט, וועלכע האט געהאט אנגעפיהרט מיט דער העץ-ארבייט און די רעגירונג האט דערפון געוואוסט און געגען דעם נישט אנגעטאהן קיין שום מיטלען, האט זי שוין דערמיט מיטגעהאלפען אויסצופיהרען דעם אטענטאט. אויף אזא אופן איז אינדירעקט די רעגירונג אויך שולדיג אין דעם געשעהעניש.

די דאזיגע ערקלערונג, וועלכע טראגט א אפיציעלען כאראקטער, האט דא געמאכט א גרויסען איינדרוק.

א טרויער-זיצונג אין אונגארישען פארלאמענט.

בודאפעשט (פ.) צוליעב די געשעהענישען אין סאראיעווא איז פארגעקומען א טרויער-זיצונג אין אונגארישען פארלאמענט. די רעגירונגס-פארשטעהער און די רעדנער פון אלע פארטייען האבען אויסגעדריקט זייער טיעפסטען טרויער און אויפרעגונג צוליעב דער ערמאָרדונג פון טהראָנפאָלגער אין האבען אונטערגעשטראכען זייער איבערגעבענהייט צום קייזער.

מיינונגען פון דער פרעסע.

די פרעסע אין עסטרייך.

וויען (פ.) די וויענער און בודאפעשטער צייטונגען בעשולדיגען ווייטער די סערבען אין אטענטאט אויף'ן ערצהערצאג פראנץ פערדינאנד. גאנץ בעזונדערס ווערט אנגעוויזען אויף דעם, וואס די פערברעכער זענען געקומען אין בעלגראד און וואס די באמבעס, מיט וועלכע מ'האט אויסגעפיהרט דעם אטענטאט, שטאמען פון סערביען.

די „צייט" פאָדערט אויף סערביען, אז זי זאל ארויסגעבען א געזעץ נעגען אנארכיסטען און זי זאל אריינטרעטען אין בעציהונגען מיט דער עסטרייכישער פאָליציי, כדי פעסטצושטעלען איהר לאָיאַליטעט.

די „רייכס-פאסט", די צייטונג פון פערשטאָרבענעם ערצהערצאג, זאגט אין א אויפגערעגטען טאָן ארוים איהר חשד נעגען דעם אָפיציעלען סערביען און חיוב אָן, אז מען דארף אָפהאַרפען דעם סערבישען מיטגעפיהל-אויסדרוק און מאכען א סוף פון דעם שלאנגען-נעסט.

סאראיעווא (פ) „כארוואטסקי דנעווניק" דריקט אוים די שארפסטע קלאָגערונג צוליעב דעם, וואס א באנדע פערברעכער האבען אויסגעפיהרט דעם אטענטאט, וואס איז נאך מיט א צייט צוריק צוגעגרייט געוואָרען אין בעלגראד. די פערברעכערישע טהאט זאגט די צייטונג, איז געשטאנען אויף'ן פראָגראם פון סערבישען נאציאנאליזם. דאס כארוואטישע פאלק שווערט צו נעהמען נקמה אָן די מערדער און אָן די שולדיגע פון פערברעכען.

די שטימונג אין בעהמען.

פראג (פ.) אלע צייטונגען רעדענדיג וועגען אטענטאט זאגען זיך זעהר פאָריכטיג ארוים וועגען די סבות פון פערברעכען. די צייטונגען קאנסטאטירען, אז דער פערשטארבענער ערצהערצאג האט ליעב געהאט דאס טשעכישע פאלק. עטליכע צייטונגען וועלכע האבען אָבגעדרוקט ארטיקלען, וועגען די בעציהונגען פון ערצהערצאג פראנץ פערדינאנד צו די סלאוויאנער בכלל און וועגען די לאגע פון סלאוויאנער אין דער מאנארכיע, האט מען קאנפיסקירט.

די פראנצויזישע פרעסע.

פאריז (פ) נאך די ערשטע ארטיקלען, וואו מ'האט אויסגעדריקט דאס מיטגעפיהל דעם האבסבורגער הויז צוליעב דעם מארד-טהאט, וואס איז אויסגעפיהרט געוואָרען אין סאראיעווא, גיט איצט די פרעסע גענויע קאָמענטארען וועגען דעם געשעהעניש אין עסטרייך. די צייטונגען קאנסטאטירען, אז די פערשווערונג איז א רעזולטאט פון דער פאָליטיק פון דער אנעקסיע, וואס איז געמאכט געוואָרען מיט געוואלד, און פון די אונטערדריקונגען. די צייטונגען מיינען, אז די סערבישע בעפעלקערונג האט געקאנט זיין אונצופריעדען מיט דעם בעזוך פון ערצהערצאג אויף די מאנעווערעס. די בלעטער דריקען אוים זייער איבערצייגונג, אז נישט די אונטערדריקונגען פון די סלאוויאנער און נישט אזעלכע אטענטאטען קאנען ענטשיידען די נאציאנאלע פראגע אין עסטרייך.

אונזער מארגענדיגער פרייטאג-נומער וועט צווישען אנדערן אינטערעסאנטען מאטעריאל ענטהאלטען ארטיקלען, געדיכטע און פעליעטאנען פון

אברהם רייזען, עזרא גאלדין, צבי ב. עפעלבוים, ז. סעגאלאוויטש, יקיר ווארשאווסקי, י. שאיאק און אנדערע.

ברכת מזל טוב.

חננו מברכים בברכת מזל טוב את ידידנו מר מרדכי פריינד ומשפחתו ליום חתונת בנם החתן מתתיהו פריינד עם הכלה יהודית נעלבלום. יהי קשרם צרור בצרור החיים! אברהם טענענבוים ורעיתו.

דאס נייעסטע פון טאג.

רעוויזיעס אין שוהלען.

קיעוו (ספ. צום ל. ט.) אין קאמענעץ-פאדאלסק האט די פאָליציי געמאכט שטרענגע רעוויזיעס אין אלע נייע געהעלבער זובענדיג אהן-באנדעראָלנעם טאבאק. מען האט אויך געמאכט רעוויזיעס אין עטליכע יודישע שוהלען. עס פערשטעהט זיך, אז מען האט דארט קיין שום „טרפה'נע" סחורות נים געפונען.

טשעבעריאַק'ס זשאלאבע.

קיעוו (ספ.) אויף א זיצונג פון אקרושנאי סוד איז בעטראכט געוואָרען די זשאלאבע וואס וויערא טשעבעריאק האט אנגעגעבען אויף'ן אורטהייל פון געריכט אין איהר פראצעס מיט בראזול-ברושקאווסקי'ן און יאבלאנאווסקי'ן.

א טהייל פון די געריכטס-מיטגליעדער האבען איינגעפונען, אז צוליעב דעם, וואס אין איהר זשאלאבע האט טשעבעריאק גיט אנגעגעבען קיין שום מאטיוון, דארף מען זי איבערלאזען אהן פאלגען. די מעהרהייט אבער פון די אנוועזענדע אויף דער זיצונג האט בעשלאסען איבערצוגעבען די זשאלאבע אין דער געריכטס-פאלאטע.

א דווארזאנין— א פאגראמשטשיק.

פאלטאווא (ספ.) דא האט מען ארעסטירט דעם דווארזאנין יאקאוו קראט, וועלכער האט ארגאניזירט א פאגראם אויף יודען אין גאדיאטש אין יאהר 1905, אויף'ן צווייטען טאג נאכדעם, ווי מען האט דארט פובליקירט דעם מאניפעסט פון 17 אקטאבער.

קראט'ס מיטהעלפער זענען דערנאך ארעסטירט געוואָרען און דורכ'ן געריכט פערמשפט געוואָרען צו פערשוידענע שטראפען, נאר קראט האט זיך בעהאלטען און זיין פראצעס איז אויסגעטהיילט געוואָרען בעזונדער.

מיט א קורצע צייט צוריק איז קראט צוריקגעקומען קיין רוסלאנד און ווידער אנגעהויבען אריינצוטרעטען אין בעציהונגען מיט די סאיוזניקעס און „דרש'ענען" וועגען „ריטועלע מארדען".

לויט דער פעראָרדנונג פון פאלטאווער אקרושנאי-סיר איז קראט ארעסטירט געוואָרען און אריינגעזעצט אין גאדיאטשער טורמע.

א ניט-איינגעזיבענער בלוט-בלבול.

פון קאמינסק מעלדעט מען וועגען א ניט-געלונגענעם בלוט-בלבול אויף יודען, וואס איז צום גליק באלד ענטדעקט געוואָרען.

אינ'ם דערמאהנטען שטעדטיל האבען זיך דעם פערגאנגענעם מאנטאג פערזאמעלט פיעל קריסטען אויף אנ'„אטפוסק". בעת דער המון איז ארויסגעגאנגען פון קאסטיאל איז פערפלאָנדזיעט געוואָרען א 3-יעהריג קריסטליך מיידעלע, מען האט דאס קינד אנגעהויבען צו זוכען אין גאנצען שטעדטיל, מען האט אויך ארויסגעשיקט רייטער אין די נאהענטסטע דערפער, נאר אלץ איז געווען אומזיסט, דאס קינד איז ניט געפונען געוואָרען. צווישען המון האט זיך באלד פערשפרייט א קלאנג, אז יודען האבען דאס קינד גע'שחט'ען צו ריטועלע צוועקען. צווישען דער יודישער בעפעלקערונג איז דערווייל ענטשטאנען א פאניק און א שרעק, ווייל דער גרויסער המון איז געווען ר"ל אויפגערייצט און עס האבען זיך שוין געהערט דראהענדע אויסגעשרייען נעגען יודען.

די עלטערן פונ'ם פערלוירענעם קינד האבען אבער ניט געגלויבט אין דער נארישער לעגענדע און האבען אנגעווענדט אלע מיטלען דאס קינד אויפצוזוכען, ערשט אויף צו מארגענס האט מען דאס קינד געפונען הינטער קלישטשעוו ביי א קריסטין, וואס האט ניט קיין קינדער. די קריסטין האט ערקלערט, אז זי האט דאס קינד געפונען אויף'ן וועג, דאס קינד זאגט אבער, אז די קריסטין האט עס גענומען אין שטאדט. עס ווערט געפיהרט אנ'אויספארשונג.

אויפפאָדערונג.

מיר אנגעשטעלטע פון טוך-בראנזשע און בעלי-בתים פאָדערן אויף ר' כתריאל מילגראם אז ער זאל מארגען 6 א זייגער אין אבענד זיין ביים לאָדזער רב צו א דין-תורה. 7017

געגען 50 ר' בעלאָהנונג

זונטאג אין אבענד איז אין טרעלטוועק (אום זגערושער וועג) פערלוירען געוואָרען א שווארצער לעדערנער פארטפעל מיט איינינע צוואנציג וועקסלען, אויף דער סומע פון 1600 ר' און אויך אנדערע דאָקומענטען. פאר אנקויף פון די דאָקומענטען ווערט געווארנט. און זיי ווערען אויך אלס אונגילטיג ערקלערט ווייל געריכטליכע שריטע זענען שוין פארגענומען געוואָרען. דער עהרליכער פינדער ווערט געבעטען עס אבצוגעבען געגען בעלאָהנונג צו ש. ראָזענבלום, חידזעווסקא 18. 619 2 1

Dr. med. H. Rożaner

ד"ר מעד. ה. ראזשאנער

ביז'ן 30 יולי ציגעלניא-שטר. 4 טעל. 31-88 דענגערע צייט ג. אסיסט. פון דער בערלינער קליניק. ספעציעל-ארצט פיר הויט און וועגערישע קראנקהייטען. נייעסטע מעטאָדען צור היילונג פון כראנישען טריפער (נאך פראנק) און סיפיליס (קאמבינירטע בעהאנדלונג) מענער-שוואכע, בעלייכטונג פון הארן-קאנאל. היילונג פון האר-אויספאלען: שפרעכשטונדען פון 8—12 און 4—8½ נאכמ.

Dr. med. J. Leibowicz

ד"ר מעד. י. לייבאוויטש

84 דזיעלנא 84

אסיסטענט פון פראפעסאר קיסטנער אין (ברעסלוי), האט זיך בעזעצט אלס ספעציאלארצט פאר אקושעריע און פרויען-קראנקהייטען, הארנקראנקהייטען דער פרויען. שפרעכשטונדען: ביז 10 פריה און פון 4 ביז 6 נאכם 25 5695

ווי אַזוי מען האָט ערמאָרדעט דעם טהראָנפאָלגער און זיין פרוי.

דער בעריכט פאַר'ן קייזער פראַנץ-יאָזעף.

א מיליטער-פערזאָן פון דער לייב-גוואַרדיע, וועלכער איז די גאַנצע צייט געווען צוזאַמען מיט'ן ערצהערצאָג פראַנץ פערדינאַנד און האָט מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהען די געשעהענישען, וואָס האָבען זיך אָבגעשפּיעלט בעת'ן אַטענטאַט אויפ'ן טהראָנפאָלגער, איז ארויסגערופען געוואָרען קיין וויען און האָט פּערזענליך איבערגעגעבען דעם קייזער אַ גענויען בעריכט, ווי אַזוי די ערמאָרדונג פון ערצהערצאָג און זיין פרוי איז פאָרגעקומען.

אין דעם דאָזיגען בעריכט, וועלכער איז נאַטירליך גענויער פון אַלע, וואָס זענען ביז אַ הער פערעפענטליכט געוואָרען, ווערען נאָך דערצעהלט פאָלגענדע איינצעלהייטען.

פאָהרענדיג צום ראַטהויז האָט זיך דער אויטאָמאָביל פון ערצהערצאָג אָבגעשטעלט פאַר דער פּאָסט-געביידע. דער פּאָסט-דירעקטאָר איז ארויסגעקומען און האָט איבערגעגעבען דער הערצאָגין אַ טעלעגראַמע פון איהרע קינדער. זי האָט איבערגעלייענט די דעפּעשע שטראַהלענדיג פון פרייד, און האָט זי איבערגעגעבען איהר מאַן צום לייענען. דער ערצהערצאָג האָט געדאַנקט דעם פּאָסט-דירעקטאָר און האָט געהייסען דעם שאָפער ווייטער פאָהרען.

בעת דער אויטאָמאָביל איז אָבגעפאָהרען אַ קורצע שטרעקע האָט עמיצער פון פּובליקום אַ וואַרף געטהון אַ באָמבע אויפ'ן אויטאָמאָביל. דער טהראָנפאָלגער, וועלכער האָט עס תיכף בעמערקט, האָט זיך אַ הויב געטהון פון זיין אָרט און מיט אַ שטאַרקער בעוועגונג פון דער האַנד האָט ער אָבגעשליידערט די באָמבע, וועלכע האָט זיך געהאַט אנגעקלאַפּט אין דעם דעכיל פון זיין אויטאָמאָביל. די באָמבע איז אַראָבגעפאַלען אויף דער ערד און האָט אויפגעריסען מיט אַ אונגעהויערער קראַפט, אַ רעגען פון צוועקעס, פון שטיקלאך בליי און גלאָז האָט זיך אנגעהויבען צו שיטען איבער דער גאַס, און אין דעם רעגען איז גראַד אַריינגעפאָהרען אַ צווייטער אויטאָמאָביל מיט פּערזאָנען פון דער סוויטע, וועלכע זיינען געפאָהרען פון הינטען. ס'האָבען זיך דערהערט געשרייען. דער ערצהערצאָג דערהערענדיג די געשרייען, האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהענדיג דעם צווייטען אויטאָמאָביל איינגעהילט אין רויך האָט ער געהייסען אָבשטעלען זיין אויטאָמאָביל. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, וואָס ס'איז פאָרגעקומען, און זאָגענדיג דער פרוי ווייטער: „ס'איז נאָר נישט געשעהען", האָט ער געהייסען דעם שאָפער ווייטער פאָהרען.

די קראַפט פונ'ם אויפרייס איז געווען אַזאַ געוואַלדיגער, אַז אין דעם צווייטען אויטאָמאָביל, וואו די סוויטע איז געפאָהרען, זענען אויסגעריסען געוואָרען 70 לעכער. דער אָבערסטלייטע-נאַנט מאָן מעריצי איז פערוואונדעט געוואָרען אין האַלז פון די צוועקעס און שטיקלאך גלאָז. דער באָמבען-וואַרפער צאַבריגאָוויטש איז אַ רגע געשטאַנען רוהיג. נאָכדעם האָט ער זיך געלאָזט לויפען און האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין טייך מיליאַצקאַ. אָבער תיכף זענען אָנגעקומען געהיים-אַגענטען, וועלכע האָבען איהם מיט רעוואָלווערען אין די הענד געצוואונגען ארויסצוגעהן פון וואַסער. די אַגענטען האָבען איהם אַרעסטירט.

נאָך דעם באָמבען-אָנפאַל איז דער ערצהערצאָג און זיין פרוי געווען זעהר אויפגערעגט און האָבען קיין וואָרט ניט געקאָנט ארויסריידען. דער נאַמעסטניק און דער נאַטשאַלניק פון דער פּאָליציי, וועלכע זענען מיטגעפאָהרען מיט'ן טהראָנפאָלגער, האָבען תיכף פערשטאַנען אַז ס'גרייט זיך צו עפּיס שרעקליכעס און האָבען גענומען בעטען דעם ערצהערצאָג, אַז ער זאָל זיך אומקעהרען אין „קאָנאַק" (פּאַלאַץ) דער טהראָנפאָלגער האָט אָבער פון קיין זאַך ניט געוואָלט וויסען און האָט געהייסען ווייטער פאָהרען צום ראַטהויז. דאָ האָט מען אפילו געזעהען, אַז דער ערצהערצאָג איז געווען בלאַס און אויפגערעגט, אָבער באַלד האָט ער זיך בערוהיגט. נאָך די בעגריסונגען האָט דער ערצהערצאָג געהייסען, אַז מען זאָל איהם פיהרען אין שפּיטאָל אַריין, וואו דער פערוואונדעטער אָבערסטלייטענאַנט מעריצי געפינט זיך. דאָ איז דער נאַמעסטניק צוגעגאַנגען צו איהם און האָט איהם אָנגעהויבען בעטען רחמים, אַז ער זאָל ניט פאָהרען אהין און זיך אומקעהרען אין פּאַלאַץ. דער טהראָנפאָלגער האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט און האָט ערקלערט, אַז ער האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט. ענדליך אַז מ'האָט איהם אָנגעהויבען שטאַרק צו בעטען האָט ער זיך אויף אַ רגע פערטראַכט, דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו דער הערצאָגין און איהר פאָרגעלעגט, אַז זי זאָל זיך אומקעהרען אין פּאַלאַץ אַריין און ער וועט פאָהרען אין שפּיטאָל. די הערצאָגין, וועלכע האָט זיך אַלץ נאָך ניט בערוהיגט פון דער פריהערדיגער אויפרעגונג און האָט שוין משמעות געפיהלט אַז דאָ וועט עפּיס פּאַסירען, האָט בשום אופן ניט געוואָלט איינשטימען דערויף און האָט איהם געזאָגט: „ניין, פראַנץ, איך בלייב מיט דיר".

און אַזוי זענען זיי ווייטער געפאָהרען צוזאַמען. אַריינקומענדיג אויף דער פראַנץ-יאָזעף-גאַס האָט אָבער דער שאָפער פון ערשטען אויטאָמאָביל, וואָס איז געפאָהרען מיט'ן בירגערמייסטער פאַראויס, געהאַט אַ טעות און ניט געוואוסט, וואו צו פאָהרען. צוליעב דעם האָבען די הינטערשטע אויטאָמאָבילען זיך געמוזט אָבשטעלען אויף אַ רגע און דאַן זענען זיי לאַנגזאַם הינטערווייליכטס ארויסגעפאָהרען אויף דער בריק. אין דעם מאָמענט איז פון פּובליקום ארויסגעשפּרינגען גאַווריל פּרינציפּ און האָט דריי מאָל אויסגעשאָסען פון אַ בראַונינג. דער אויטאָמאָביל איז שטעהן געבליבען, און בעת ער האָט זיך ווידער אָנגעהויבען צו ריהרען האָט מען געזעהען ווי די הערצאָגין האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף איהר מאַן און זיי האָבען ביידע זיך עפּיס דורכגערעדט, אָבער וואָס זיי האָבען גערעדט האָט שוין קיינער ניט געהערט. דער ערצהערצאָג און זיין פרוי זענען אָבער נאָך געזעסען אין אויטאָמאָביל גלייך ווי ס'וואָלט זיי נאָר ניט געשאַדט. אין אַ סעקונדע אַרום איז די הערצאָגין אַ פאַל געטהון אויף איהר מאַן. דער נאַמעסטניק האָט געמיינט אַז פון שרעק איז זי געפאַלען אין חלשות, נאָר אין דעם אויגענבליק האָט ער בעמערקט, ווי ביים ערצהערצאָג האָט זיך אַ לאָז געטהון אַ שטראָם בלוט פון מויל.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז שוין דער אויטאָמאָביל געשטאַנען ביים קאָנאַק און תיכף זענען אויך אָנגעקומען די דאָקטוירים, אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט. זיי זענען שוין ביידע געווען טויט.

טאָג-נאָטיצען.

קריסטליכע לערן-יונגלעך.

די טעג איז ארויס אַ נייע פעראָרדנונג: יודישע האַנדווערקער זאָלען מעגען האַלטען קריסטליכע לערן-יונגלעך נאָר מיט דער ערלויבניש פון די „רעמעסלענע אופראַוועס".

די דאָזיגע פעראָרדנונג איז, אַ פּנים, דערווייל נאָר נוגע רוסלאַנד, וואו עס זענען פאַראַן „רעמעסלענע אופראַוועס"; צי עס האָט אַ שייכות אויך צו די יודישע האַנדווערקער אין פּוילען איז שווער צו זאָגען.

יעדענפאַלס, ווערט מען די נייע פעראָרדנונג, ווען זי געהערט נאָך נישט צו פּוילען, אויך דאָ פריהער אָדער שפּעטער איינפיהרען.

פיעל יודישע האַנדווערקער וועלען אין דער נייער פעראָרדנונג איינזעהן אַ נייע גזירה, אַ נייע בעגרענצונג געגען דער יודישער מלאכה.

און זיי וועלען אפשר זיין גערעכט.

דען די כוונה פון דער נייער פעראָרדנונג וועט זיכער מאַכען די יודישע בעלי מלאכות אַ ביסעל נייע שוועריגקייטען.

צי דאַרף מען אָבער שטאַרק זאָרגען צוליעב אַזאַ פעראָרדנונג?

אונז דוכט זיך, אַז דאָס אומגליק איז פון דער נייער „גזירה" נישט אַזוי גרויס...

אדרבה, עס איז אפשר נאָר אַ טובה פאַר דעם אַלגעמיינעם יודישען האַנדווערק.

אמת, איינצעלנע יודישע האַנדווערקער, וועלכע האָבען ביז אַהער געאַרבייט מיט קריסטליכע לערן-יונגלעך וועלען האָבען שטאַרקע אונאַנגענעהמליכקייטען און אפשר אויך מאַטעריעל ליידען.

נאָר דער יודישער מלאכה בכלל וועט די נייע פעראָרדנונג בלויז נוצען ברענגען.

עס וועט אפשר דורך דער פעראָרדנונג ענטשיידעט ווערען די אָנגעווע-טאָגטע פראַגע פון די יודישע לערן-יונגלעך ביי די יודישע האַנדווערקער.

די יודישע לערן-יונגלעך—דאָס איז דאָך די צוקונפט פון יודישען האַנדווערקער-קלאַס און ווען זייער ענטוויקלונג און אויסבילדונג וועט פון אונז ווייניג אויפמערקזאַמקייט געשאָנקען ווערען, וועט עס זיין אַ געפאַהר פאַר דער גאַנצער צוקונפטיגער עקזיסטענץ פון דעם איינציגען יודישען פּראָדוקטיווען קלאַס.

און ביי אונז איז לא די, וואָס מען זאָרגט נישט פאַר אונזערע צוקונפטיגע בעלי מלאכות—די יודישע לערן-יונגלעך ווערען ביסלעכווייז ארויסגעשטויסען פון פערשיעדענע צווייגען.

עס איז זעהר טרויעריג, נאָר עס איז, ליידער, אַ פאַקט, אַז אין פיעל פאַכען מיידען אויס יודישע בעלי מלאכות אויפצונעהמען יודישע לערן-יונגלעך און אַזוי אַרום שנייַדען זיי אַליין די אייגענע הענד, אונטער די וואָרצלען פון דער יודישער מלאכה.

און ווען מען ווייזט זיי אָן אויף דאָס געזעלשאַפטליכע פערברעכען אנטקעגען דעם יודישען האַנדווערקער קלאַס, וואָס זיי בעגעהן דערמיט, וועלען זיי אייך געפינען גענוג תירוצים זיך צו פערענטפערן.

און אַלץ בלייבט ביי'ם אַלטען...

מיט דער נייער פעראָרדנונג, וועלכע מאַכט שוועריגער די יודישע האַנדווערקער צו אַרבייטען מיט קריסטליכע לערן-יונגלעך, וועט די פראַגע וועגען בעשעפטיגען יודישע לערן-יונגלעך פון זיך ענטשיידעט ווערען.

און דאָס איז טאַקי זעהר וויכטיג פאַר דער צוקונפט פון יודישען האַנדווערקער קלאַס.

די נייע פעראָרדנונג איז, אַלזאָ, פון שטאַנדפּונקט פון די אַלגעמיינע יודישע האַנדווערקער אינטערעסען נישט קיין רעה, נאָר, אַדרבה אַ טובה!

און ווען איר „גזרה" קאָן מען מיט אַ ליכטען האַרצען זאָגען: „גם זו לטובה"...

לאַזאר י.

אסף-הכל פון די דומע-סעסיעס.

בעת דער צווייטער סעסיע פון דער דומע זענען פאָרגעקומען 111 זיצונגען.

אין די דומע זענען פאַר דער צווייטער סעסיע אריינגעטראָגען געוואָרען 747 געזעץ-פּראָיעקטען, וועלכע זענען אויסגעאַרבייט געוואָרען דורך דער רעגירונג. די דומע האָט אָנגענומען 585 געזעץ-פּראָיעקטען, וועלכע זענען איבערגעגעבען געוואָרען אין גאָסוד. סאָוויעט.

די דומע האָט אָבגעוואָרפען 21 געזעץ-פּראָיעקטען און 26 האָט זי צוריק איבערגעשיקט דעם מיניסטעריום.

איבערגעבליעבען אויף צו בעטראַכטען זענען אין דער דומע צוזאַמען מיט די פריהערדיגע, וואָס זענען געבליבען פון דער ערשטער-סעסיע 506 געזעץ-פּראָיעקטען. פון די זענען שוין 53 געזעץ-פּראָיעקטען צוגעגרייט אויף צו בעטראַכטען אויף די אַלגעמיינע זיצונגען; 453 געזעץ-פּראָיעקטען ליגען נאָך אין די פערשיעדענע קאָמיסיעס.

די דומע-דעפּוטאַטען האָבען פאַר דער צווייטער סעסיע אריינגעטראָגען 77 פאָרשלאַגען, פון וועלכער 80 זענען אָנערקענט געוואָרען פאַר געוואונשט. דערביי זענען 23 פון זיי איבערגעגעבען געוואָרען דעם מיניסטעריום אויף אויסצואַרבייטען. די איבערגעבליבענע 7 פאָרשלאַגען, וועלכע דאָס מיניסטעריום האָט זיך אָבגעזאָגט אָנצונעהמען, זענען איבערגעגעבען געוואָרען אין די קאָמיסיעס.

אינטערפּעליאַציעס זענען אריינגעטראָגען געוואָרען אין דומע 64. אָנגענומען געוואָרען זענען 17 דרינגענדע און 5 געוועהנליכע אָנפראַגען.

די דומע האָט אויסגעהערט ערקלערונגען פון מיניסטאָרען אויף 7 אינטערפּעליאַציעס; אין פינף פאַלען זענען די ערקלערונגען פון די מיניסטאָרען אָנערקענט געוואָרען פאַר נישט גענוגענדע. פון אַלע אָנפראַגען זענען אריינגעטראָגען געוואָרען 10 פון זיי צום אינערן-מיניסטער.

יודישע רעכטלאָזיגקייט.

אַלע טאָג קומען צו נייע פּרושים און ערקלערונגען וועגען יודישער רעכטלאָזיגקייט און בעזונדערס ליידען דערפון שטאַרק די יודען פון קיעוו און אַרום קיעוו.

די טעג האָט דער מיראָוואָי „סיעזד" בעקומען אַ סענאַטס-ערקלערונג וועגען 68 פּונקט, וואָס מען פּלעגט אָנווענדען צו רעכטלאָזע יודען, וואָס זענען געמעלדען אין סלאָבאָדקע און וואוינען אין קיעוו.

לויט דער נייער ערקלערונג וועט מען מיט אַזעלכע רעכטלאָזע יודען זיך אַזוי נוהג זיין: ווען מען וועט אַרעסטירען אין קיעוו אַ יודען, וואָס איז געמעלדען אין סלאָבאָדקע, וועט מען איהם ברענגען קיין סלאָבאָדקע און קודם כל פעסטשטעלען צי ער וואוינט שטענדיג אין סלאָבאָדקע, אָדער ער איז דאָרט צייטווייליג איינגעמעלדען און וואוינט נאָר אין קיעוו.

ווען עס וועט זיך אַרויסווייזען, אַז דער יוד איז צייטווייליג איינגעמעלדען אין סלאָבאָדקע און ער וואוינט אין קיעוו ווערט ער אָנגעקלאָגט צום געריכט לויט'ן אַרטיקעל 63, אויך ווערען צוגעצויגען צו אַ געריכטליכער פעראַנטוואָרטונג אויפ'ן סמך פון דערמאָהנטען אַרטיקעל אויך שטענדיגע איינוואוינער פון סלאָבאָדקע, נאָר וועלכע האָבען 2—3 נעכט גענעכטיגט אין קיעוו.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער נייער ערקלערונג זענען שוין אין „סיעזד" אין אַסטרא פאָרגעקומען איינינגע פּראָצעסען געגען סלאָבאָדקער יודען און זיי זענען פער'משפּט געוואָרען צו 2—3 חדשים טורמע.

אַזוי מאַכט מען יעדען טאָג אַלץ נייע פּרושים צו יודישער רעכטלאָזיגקייט.

וועלט-נייעס.

געפונען אַ גאָלדען הויז.

דער בעקאַנטער איטאַליענישער אַרכעאָלאָג מאַנאָ, וועלכער האָט פאָרגענומען צו מאַכען אין רוים אויסגראָבונגען צווישען די בערגיגע חורבות, האָט צווישען די לעצטע געפונען אַ גאָלדען הויז. דאָס דאָזיגע הויז בעשטעהט פון אַ גאַנצער רייע פּרעכטיגע זאַלען, וועלכע זענען שוין רעקאָנסטרוירט, די ווענד—מיט שיינע בילדער בעהאַנגען.

ווי דער פאָרשער ערקלערט, איז דאָס אַן אַלטערטימליכער פּאַלאַץ, וועלכער איז בעת אַ ערד-ציטערניש איינגעזונקען געוואָרען.

אום דאָס געפונענע גאָלדענע הויז צו בעשיצען פון די רעגענס און שטורמען, פערלאַנגט דער אַרכעאָלאָג 400 טויזענד פראַנק, וועלכע זענען נויטיג צו מאַכען די נעהעריגע בעשיצונגס-איינריכטונגען.

* *

ערמאָרדעט פון אַ פּאַציענט.

אין סענט-מאַקסים, ביי טולאָן, האָט דער איטאַליענישער אַרבייטער ג׳יאָ ערמאָרדעט דעם דאָקטאָר מאָרע, וועלכער האָט איהם בעהאַנדעלט. דער אַרבייטער איז געווען אַ נערווען-ליידענדער, האָט ער זיך קורירט ביי דעם 37-יעהריגען דאָקטאָר מאָרע.

דאָס לעצטע מאָל, בעת דער דאָקטאָר האָט איהם בעטראַכט, האָט דער פּאַציענט ארויסגעכאַפּט אַ ראַזיר-מעסער און דעם דאָקטאָר איבערגעשניטען דעם האַלז.

ווען ס'איז געקומען פּאָליציי אַרעסטירען דעם מערדער, האָט ער זיך געוואָרפען אויפ'ן זשאַנדאַר, וועלכען ער האָט געוואָלט מיט'ן ראַזיר-מעסער ערמאָרדען. דער זשאַנדאַר האָט אויף איהם אויסגעשאָסען פון אַ רעוואָלווער און מיט אַ קויל פערוואונדעט.

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, איז דער אַרבייטער פּלוצלונג משוגע געוואָרען ביי'ם דאָקטאָר.

* *

בראַטען פון הונד-פלייש.

אין פּאַריז האָט געמאַכט אַ הויכגעשטעלטע פערזענליכקייט פון כינא. איהם האָט זיך פערגלוסט צו בעקענען זיך מיט די דיפּלאָמאַטען און ער האָט אַלע דיפּלאָמאַטען איינגעלאַדען אויף אַ מיטאָג צו זיך אין האָטעל.

ווען די געסט האָבען זיך געזעצט אַרום דעם סערווירטען טיש, האָט מען אָנגעהויבען צו געבען פערשיעדענע געריכטע, אָבער די געסט האָבען קוים איינעם פון זיי נישט געגעסען. דערווייל האָבען די געסט זיך נישט געקאָנט דורכשמועסען מיט'ן ווירט, ווייל זיי האָבען נישט פערשטאַנען קיין כינעזיש און דער כינעזישער ווירט האָט נישט פערשטאַנען קיין שום שפּראַך פון זייערע געסט. זיי האָבען זיך בעגנוגענט מיט צייכענס. אפילו טאָסטען זענען געהאַלטען געוואָרען מיט צייכענס. ווען מען האָט אריינגעבראַכט אַ בראַטענס, האָבען זיך אַלע געסט געשמאַק צו איהר צוגעלאָזט, ווייל זי האָט אויסגעזעהען זעהר שיין און האָט זיי געשמעקט. פּלוצלונג האָט זיך איינער אויפגעשטעלט פון די געסט און ערקלערט, אַז די בראַטענס איז פון הונד-פלייש.

אַלע געסט, וועלכע האָבען אַזוי געשמאַק אָנגעהויבען צו עסען די בראַטענס, האָבען גלייך אָנגעוואָרען דעם אַפּעטיט און ס'איז זיי נישט גוט געוואָרען...

די פערפיהרטע מוטער

(33

אָדער

די אומגליקליכע טאָכטער.

אַ שפּאַנענדער ראָמאַן פון לאָדזער לעבען.

פון יענעם מאָמענט אָן האָט דאָראַ ווידער מורא געהאַט זיך צוזאַמענצוקומען אַליין מיט מאַקס'ן. זי האָט איהם געזוכט אויסמיידען ווי דעם טייוול, און טאָמיר האָט זי זיך געטראָפען מיט איהם אַליין האָט זי זיך געאיילט ניט צו פערפיהרען מיט איהם קיין געשפּרעך.

דאָראַ האָט איצט ערשט אָנגעהויבען צו פערשטעהן, אַז אַלע איהרע האָפנונגען זענען געווען אומזיסט. ס'איז איהר קלאָר געוואָרען, אַז מאַקס האָט ניט פערגעסען דאָס, וואָס ס'האָט זיך דאָ אָבגעשפּיעלט די לעצטע צוויי יאָהר; פערקעהרט, זי האָט איצט ערשט דערזעהען, אַז ער פיהרט נאָך אַ שווערען אינערליכען קאַמפּף און אַז ביי יעדער געלעגענהייט קען ווידער אויסברעכען זיין פערצווייפלונג און שטערען דעם פריעדען און דאָס גליק פון דער פאַמיליע.

דאָראַ איז אַרומגעגאַנגען אַ פערצווייפעלטע. יעדע מינוט האָט זי זיך געקענט ריכטען, אַז מאַקס וועט ווידער צו איהר צושטעהן און פערלאַנגען פון איהר דעם אמת, און דאָס וואָלט פאַר איהר ערגער געווען ווי דער טויט. זי האָט שוין איצט גאַנץ גוט געפיהלט, אַז מאַקס'ן טאָר מען ניט זאָגען דעם אמת, אויב זי וויל ניט ברענגען צו קיין קאַטאַסטראָפע. און אַזוי האָט זי זיך געהיט אַ לענגערע צייט ניט צו בעגעגענען זיך מיט איהם אַליין.

נאָך יענעם אָוועגד, ווען מאַקס האָט געבעטען דאָראַ'ן, אַז זי זאָל איהם זאָגען דעם אמת, האָט ער ווידער אָנגעהויבען שרעקליך צו ליידען, און ווידער האָבען איהם אָנגעהויבען צו נאָגען און צו מאַטערן זיין צווייפעל און איפערזיכטיגקייט. מאַקס האָט אָבער פון דער מינוט אָן געלאָזט דאָראַ'ן צורוה, ער האָט זי ניט געוואָלט בעלעסטיגען. דאָס וואָס זי האָט איהם גלייך ניט געענטפערט אויף זיין פראַגע און איז אַנטלאָפען צו זיך אין צימער איז פאַר איהם געווען דער שטאַרקסטער בעווייז, אַז זי פיהלט זיך שולדיג.

ער איז אַרומגעגאַנגען צעבראָכען און פערצווייפעלט, און זיינע ליידען האָבען נאָר קיין שיעור ניט געהאַט. גאַנצע טעג פלעגט ער זיך אָפטמאָל פערשליסען און בעהאַלטען זיך פאַר מענשען, און וואָס אַ טאָג איז ער געוואָרען אויפגערעגטער און נערוועזער.

וואַרשאַוויאַק האָט אָנגעהויבען שטרענג אַכטונג צו געבען אויף איהם. דער אַלטער געטרייער פריינד האָט בעסער ווי אַלע געוואוסט, אַז מאַקס איז קראַנק, שווער קראַנק, און ער האָט געזוכט מיט אַלע מיטלען צו פערהיטען איהם פון אויפרעגונגען, אָבער זיין מיה איז געווען אומזיסט.

טעג און וואָכען זענען אַריבער ביז מאַקס האָט ווידער געפונען אַ געלעגענהייט צו טרעפען זיך מיט דאָראַ'ן איינער אַליין. ס'איז געווען שפּעט ביי דער נאַכט, מאַקס האָט ניט געקענט שלאָפען, ער איז ארומגעגאַנגען איבער דער שטוב ווי אַ צומישטער און האָט קיין רוה ניט געקענט געפינען. דאָראַ איז אויך געזעסען מיט איהם, געזעסען איז זי ווי איינע וואָס איז צום טויט פער'משפּט. מאַקס האָט געהאַלטען אין איין ריידען, האָט זי פערוואָרפען מיט פראַגען, האָט פערשאָלטען זיין לעבען און האָט זיך בעקלאָגט, אַז ס'איז איהם שלעכט.

— דו ביסט קראַנק,—האָט איהם דאָראַ געזאָגט,— דו מאַרסט זיך ניט אויפרעגען... געה, לעג זיך שלאָפען.

מאַקס האָט אַ קוק געטהון אויף איהר מיט אַ פּאָר שרעקליכע אויגען.

— יאָ, איך בין קראַנק,—האָט ער געענטפערט.

און צוגעהענדיג צו איהר האָט ער אַ זאָג געטהון:

— דו קענסט מיך אָבער געזונד מאַכען. זאָג מיר, דאָראַ, דו האָסט ליעב געהאַט פרייס'ן אָדער ניט, זאָג מיר דעם אמת, גיעב מיר ווידער מיין רוה, מיין גליק צוריק...

דאָראַ האָט זיך איצט געפונען אין אַ שרעקליכע לאַגע. זי האָט געזעהען, אַז איצט איז פאַר איהר קיין אויסוועג ניטאָ און אַז זי וועט זיך בשום אופן ניט קענען ארויסדרעהען פון איהם.

— ניין, — האָט זי געענטפערט און האָט איינגאַנצען געציטערט פון אויפרעגונג.

— אָבער ער האָט דיך יאָ ליעב געהאַט,—איז מאַקס ווייטער צוגעשטאַנען.

— אפשר יאָ, ווי קען איך דאָס וויסען.

— ניין, דו ווייסט עס, זאָג מיר, אויב דו ווילסט ניט, אַז איך זאָל זיך דאָ אָנטהון אַ טויט פאַר דיינע אויגען.

— יאָ,—האָט זי קוים ארויסגעשטאַמעלט.

— און וועמעס קינד איז עס געווען, — איז ער שוין גיט אָבגעטרעטען פון איהר.

דאָראַ האָט אַ ציטער געטהון און איז בלאַס געוואָרען ווי דער טויט.

— וועמעס קינד איז עס?—האָט ער שוין אָנגעהויבען צו שרייען אויף אַ קול.

איין מאָמענט איז שטיל געוואָרען אין צימער, אַ שווערע דריקענדע שטימונג האָט זיך געפיהלט.

— זיינס...—האָט זי געענטפערט.

ביידע זענען געבליעבען ווי פערגליווערט און האָבען זיך מורא געהאַט צו ריהרען פון אָרט, אין צימער האָט זיך געהערט איהר שווער אָטעמען.

— נו, פאַר וואָס ענטפערסטו מיר ניט? — האָט מאַקס ווידער אַ פרעג געטהון, מאַכענדיג זיך גלייך ווי ער וואָלט ניט געהערט, וואָס זי האָט איהם געזאָגט.

ער האָט איינגעראָכען די אויגען אין איהר.

— איך האָב דיר שוין געזאָגט, — האָט זי אָנגעהויבען צו שעפּטשען — זיין קינד...

מאַקס איז געבליעבען שטעהן ווי אַ דונער וואָלט איהם איינגעשלאָגען.

— נו, איצט בין איך רוהיג, — האָט ער פּלוצלונג אויסגערופען,—איצט בין איך גליקליך, איצט ווייס איך דעם גאַנצען אמת...

און צוגעהענדיג צו דאָראַ'ן האָט ער איהר גענומען ליידענשאַפטליך קושען די הענד.

— איך דאַנק דיר,—האָט ער געזאָגט,—און איך פערצייה דיר, דאָראַ...

און ער האָט זיך צולאַכט מיט אַ היסטערישען געלעכטער.

— חאַ-חאַ-חאַ-חאַ איך ווייס שוין דעם אמת, ביסט מיין דאָראַ, זיין דאָראַ! און אַנטלויפענדיג זי פאַר'ן האַלז האָט ער זי אַ שלייַדער געטהון צו דער וואַנד.

— איצט געה צו איהם!—האָט ער אַ געשריי געטהון.

מאַקס האָט אָנגעהויבען אַרומצולויפען איבער'ן שטוב, ווי אַ וואַהנזיניגער, האָט צוּבראָכען וואָס ער האָט נאָר בעקומען אין דער האַנד, האָט געשריען, געטומעלט און געהאַלדעוועט, אַזוי אַז די שטוב-מענשען זענען זיך צוזאַמענגעלאָפען. די קינדער זענען אריינגעקומען מיט אַ שרעקליכען געוויין, זיי האָבען זיך געוואָרפען צו דער מוטער, וועלכע איז נאָך געשטאַנען ווי אַ פערשטיינערטע און האָט זיך צוגעקוקט צו אַלעם, וואָס דאָ קומט פאָר.

— געה צו איהם! געה צו איהם!—האָט מאַקס געהאַלטען אין איין שרייען.

ס'איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען מען האָט מאַקס'ן אריינגעפיהרט אין זיין צימער און אַ ביסעל בערוהיגט. ער האָט זיך געלעגט אויפ'ן סאָפאַ און האָט זיך שרעקליך צעוויינט, און אין אַ מינוט אַרום האָט ער ווידער אָנגעהויבען צו לאַכען און צו ריידען.

— געה צו איהם!—האָט ער געשריען.

אין דער פריה האָט מען געבראַכט אַ דאָקטאָר, און אַ צווייטען, און נאָך אַ גענויער אונטערזוכונג האָבען די דאָקטוירים ערקלערט, אַז ער איז אונהיילבאַר קראַנק.

מאַקס בלומענטאַל איז מְשוגע געוואָרען.

(פאָרטזעצונג קומט).

וואס הערט זיך אין לאדז.

וועגען א לאדזער גובערניע.

די „נאָוו. ווערמיא" ברענגט די ידיעה וואס איז שוין געווען אין די איבריגע פעטערבורגער צייטונגען, אז די פראגע וועגען מאכען פון לאדז א גובערניע איז שוין ענדגילטיג בעשלאָסען אין פאָזיטיווען זין.

ווי דער „קוריער ווארש." דערוויסט זיך אָבער פון זיכערע קוועלען איז די ידיעה ניט ריכטיג, דען ביז איצט איז נאך קיין שום ענדגילטיגער בעשלוס וועגען דער דערמאהנטער פראגע ניט אָנגענומען געוואָרען.

פון רב'ס „תלמוד-תורה".

די טעג איז אין רב'ס „תלמוד תורה" פארגעקומען די הזכרה נאך תנחום גראָדזענסקי ז"ל. צו דער הזכרה זענען געקומען די קרובים פון פ"ר. שטאָרבענעם און מנדב געווען 36 ר' פאר דער „תלמוד תורה" און 36 פאר דער בילינגער קוך פון דער ת"ת.

א חוץ דעם האבען די יורשים נעגעבען דער ת"ת 500, אויף ארויסצוגעבען אין משך פון 5 יאהר צו 100 ר' דעם בעסטען תלמיד יעדעם יאהר. די מורה הוראות ר' משה מנחם סגל און ר' יוסף פיינער האבען פערהערט די תלמידים און די 100 רובל האט פאר דעם יאהר בעקומען דער תלמיד יעקב נדליהו קויפמאן.

דער סוף פון פעטראקאווער בלוט-בלבול.

(ש) ווי די אויספארשונג וועגען דעם פעטראקאווער בלוט-בלבול, וועלכע מען האט אויסגעטראכט אויף די יודישע פאמיליע ראָזענבלאט, האט פעסטגעשטעלט, איז דאס קריסטליכע מיידעל יאַניניא פארודעצקא אוועק פון דערהיים, ווייל די קריסטליכע שכנים פון הויז, צוועהענדיג, ווי דאס מיידעל ווערט שמארק געפייניגט פון איהר שטיעף-מוטער, וועלכע פלעגט זי אויך אומבע'רחמנות'דיג שלאגען, האבען צוהיטען זיך צונויפגעזאמעלט געלד און זי אוועקגעשיקט קיין לאָדז צו איהרער א מוהמע וואו זי געפינט זיך די גאנצע צייט.

דעריבער האט מען די פאמיליע ראָזענבלאט איצט צוריק אָבגעגעבען די פאספארטען און די גאנצע „ריעלא" איז סקאסירט געוואָרען.

כאראקטעריסטיש איז דער פאקט, אז די שכנים וועלענדיג פון זיך אראָבנעהמען דעם פערדראכט, אז זיי האבען דאס מיידעל „טראנספארטירט" קיין לאָדז, היבען אונטערגעהעצט דעם פאטער מיט דער שטיעף-מוטער, אז יודען האבען זי צוגערויבט און באלד האבען זיך אויך געפונען עדות וועלכע האבען בעשטעטיגט, אז זיי האבען דאס מיידעל געזעהען אין דער וואוינונג פון דער פרוי ראָזענבלאט.

צו די בלוטיגע אנפאלען אויף שרעדניא גאס.

דער פאליציי האט זיך איינגעגעבען צו ארעסטירען די מערדער פון די 2 גנבים, וועלכע זענען פארגעסטערן אין אָוונד ערמארדעט געוואָרען אויף רוג שרעדניא און ווידזעווער. די מערדער, וועלכע זענען אלע דריי ארעסטירט הייסען: אנטאן שטשעפאניאק, 22 יאהר אלט, יוזעף מישיכי, 24 יאהר און ווינסענט מאראטשיק, 21 יאהר אלט.

אויך האט די פאליציי ארעסטירט די גאסענפרויען מאריאנא קוואשניעווסקא, ווערדערקא און אניעלא קינאסט, צוליעב וועלכע די בלוטיגע אנפאלען זענען פארגעקומען.

די ארעסטירטע מערדער זענען פראפעסיאָנעלע גנבים.

* *

(ג) בעת די שטרענגע רעוויזיעס וואס די פאליציי מיט די געהיים-אגענטען האבען געמאכט אין דער נאכט פון דינסטאג אויף מיטוואך אין צוזאמענהאנג מיט די דריי מארד-טהאטען, וואס זענען אויסגעפיהרט געוואָרען אויף שרעדניא גאס, זענען ארעסטירט געוואָרען העכער 30 פערזאָן, וועלכע זענען דער פאליציי פערדעכטיג.

צווישען די ארעסטירטע געפינט זיך דער 24-יעהריגער טאמאש קוויאטשאַרעק, וועלכער האט זיך מודה געווען אין אויספיהרען דעם מארד איבער דעם 32-יעהריגען לעאן מושיאלאווסקי אויף שרעדניא 114. דער ארעסטירטער מערדער זאגט, אז ער אליין אהן שום מיטהעלפער האט אויסגעפיהרט דעם מארד איבער מושיאלאווסקי אלס נקמה-אקט.

פון „אוזדראוויסקא".

(ג) מארגען קומט שוין קיין לאָדז צוריק די דריטע פארטיע קראנקע, וועלכע האבען זיך אין פערלויף פון א חודש צייט קורירט אין סאנאטאריום „אוזדראוויסקא".

די פיערטע פארטיע קראנקע, וועלכע וועט בעשטעהן פון 87 פערזאן 48 פרויען און 32 מענער וועט ארויסגעשיקט ווערען אין סאנאטאריום קומענדיגען מאנטאג. די איינשרייבונגען פון קאנדידאטען צום פינפטען סעזאן וועלען זיך שוין מארגען אנהויבען.

און קורצען וועט דאס סאנאטאריום בערייכערט ווערען דורך איניגע אָבטהיילונגען, וואס וועלען אויסגעבויט ווערען אויפ'ן נאמען פון פערשטארבענעם יעקב פאפערנא ז"ל. דורך זיינע יורשים.

לויט'ן אויסגעארבייטען פלאן וועלען זיך אין די פראיעקטירטע געביידעס געפינען: א ביבליאטעק און לעזע-זאל פאר די קראנקע, א לאבאראטאריום, א ווארטע-זאל, א קאבינעט פאר'ן דאקטאר, א קאנצעלאריע, א ווירטשאפטס-הויז א. ד. ג.

פינף מיליאן שאדען.

צוליעב א ידיעה, אז אויף דער טאמאשאווער אין שטשעפיארנא נעהמט מען פון מאשינען און גארן ווייניגער צאָל ווי מען דארף לויט די כללים, האט דאס מיניסטעריום ארויסגעשיקט דעם רעוויזאָר ה' באיקא קיין קאליש און דעם רעוויזאר ה' לאדאשענסקי קיין לאָדז, כדי צו מאכען אנ'אויספארשונג.

די רעוויזיעס האבען פעסטגעשטעלט, אז מען פלעגט אויף דער דערמאהנטער טאמאשאווע איינינע יאהר ווירקליך נעהמען א קלענערען צאָל און די קאזנא האט געהאט דערפון אנ'ערך פון 5 מיליאן שאדען.

עס זענען אויך געמאכט געוואָרען סענסאציאָנעלע ענטדעקונגען, אז די פאבריקאנטען פון לאָדז, קאליש, פאביאניץ א. אז. וו. זענען אין דעם פערמישט און עס שטעהט אזוי ארום פאר אנ'אינטערעסאנטער פראצעס.

פון דער שטאדטישער פריזיוו-קאמיסיע.

(ג) אונטערן פארזיץ פון געהילפס-שטאדט-פרעזידענט אנדרעיעוו, איז אין מאגיסטראט נעכטען פארמיטאג פארגעקומען א זיצונג פון דער שטעדטישער פריזיוו-קאמיסיע. אויף דער זיצונג זענען בעזיכטיגט געוואָרען פערזאנען וואס ווילען דינען אלס פריוויליגע, פערזאנען וואס ווילען לגאטעס ווי אויך די, וואס זענען געקומען פון די פאלקען אויף „פאפראוועקעס" און ווילען זיך בעפרייען פון מיליטער-דינסט. אויף דער זיצונג זענען אנערקענט געוואָרען 6 לגאטעס; 10 פערזאן האט מען צוגענומען אלס פריוויליגע-סאלדאטען און 6 פערזאן האט מען פערלענגערט די „פאפראוועקע"-צייט.

פאספארטען פאר פרויען.

(ג) אין היעזיגען מאגיסטראט איז שוין אנגעקומען דער צירקולאר וועגען ארויסגעבען פרויען פאספארטען אהן דער ערלויבניש פון די מענער.

דאס נייע בעשטימטע געזעץ האט א בעדייטונג פאר די יודישע פרויען, וואס זייערע מענער זענען אוועקגעפאהרען און מיטגענומען מיט זיך דעם פאס, אויף וועלכען די פרוי איז צוגעשריעבען איצט וועלען זיי קאנען ארויסקריגען פאספארטען אויפ'ן איינענעם נאמען.

דער געזונדס-צושטאנד פון יוכבד ראמער.

(ג) אין געזונדס-צושטאנד פון דער 26 יאהריגער יוכבד ראמער, וועלכע איז אויף זאווארזקא 28 בעגאנגען אזא טראגישען זעלבסטמארד, איז פארגעקומען א בעסערונג. הגם זי האט זיך דורכגעשניטען דעם האלז און איהר לעבען איז געווען אין געפאהר, איז דאך געלונגען זי צו דערהאלטען ביים לעבען, דען דער דאקטאר פון פאזנאנסקיס-שפיטאל איז געלונגען ביי איהר דעם איינגעשניטענעם גארגעל צו פערניהען. איצט איז דא א האפנונג, אז די פרוי וועט בלייבען לעבען.

* *

דער מאן פון דער יונגער זעלבסט-מערדערין איז נעכטען געקומען צו אונז אין רעדאקציע מיט גרויסע און דרייסטע פרעטענזיעס, ווי אזוי מיר האבען געקאנט שרייבען, אז ער האט זיין פרוי שלעכט בעהאנדעלט און זי געשלאָגען... אויף א העזה'דיגען אופן האט ער פערלאנגט, אז מיר זאלען איהם ארויסגעבען דעם נאמען פון רעפארטער, וואס האט אונז די ידיעה געבראכט. ווען מיר האבען איהם ערקלערט, אז די פעראנטווארטונג איז אונזערע האט ער ערקלערט, אז מיר וועלען זיך מיט איהם זעהן אויפ'ן געריכט...

די ערקלערונג פון דעם יונגענמאן וואלטען מיר פאלשטענדיג איגנארירט, דען זיין ארויספאָדערענדיגע האלטונג נאך אזא טראגישען אומגליק—איז ניט קיין גוטע רעקאָמענדאציע... מיר ווילען אָבער פעסטשטעלען דעם גאנצען אמת און דערום בעטען מיר אלע שכנים, וואס ווייסען, ווי אזוי דער יונגערמאן האט זיין פרוי בעהאנדעלט אונז וועגען דעם מיטצוטיילען.

פערשידענעס.

(ג) די שול-פעריען אין דער האנדעלסשול „תלמוד תורה" וועט דויערן ביז דעם 23-טען אויגוסט.

— (ג) פארגעסטערן האבען פערשטרייקט די ארבייטער פון מאקסימיליאן שיפער'ס פאבריק (פעטריקאווער 114). די שטרייקער פאדערן א לויןבעסערונג אויף 15 פראצענט א. אז. וו.

— (ג) אויף די היעזיגע באהנען איז איינגעפיהרט געוואָרען א בילינגער רייזע-טאריף פאר די טורנער וואס פאהרען גרופעסוויז, אזוי צאהלען זיי אין צווייטען קלאס דעם פרייז פון דריטען קלאס און אין דריטען קלאס לויט'ן טאריף פון פיערטען קלאס.

— (ג) דער ביורא-פערוואלטער פון יודישען „דאבראטשינאשץ", ה' נארבערט קאלטאנסקי האט בעקומען א מאנאטליכען אורלויב און איז אוועקגעפאהרען קיין אויסלאנד.

— (ג) אין צוזאמענהאנג מיט'ן קאמפף געגען שכרות האט די אקציז-פערוואלטונג פון קאלישער און פעטריקאווער גובערניע אויפגעהערט אנצונעהמען ביטעס וועגען ערלויבען עפענען נייע שענקען.

— די פראמענאדען גאס איז פון בענעדיקטא ביז אנדזשעא פערמאכט געוואָרען פאר'ן פערקעהר, ווייל מען ברוקירט איצט די גאס.

— אויף יוליוס קינדערמאן'ס פאבריק (לאנקאווא 23) האט מען אָבגעזאגט אנ'ארבייטער פון דער ארבייט, ווייל ער איז ארוים פון זאל אויסרויכערן א פאפיראס...

— די טעג וועט געגרינדעט ווערען א קראנקען-קאסע פאר די ארבייטער פון די פאבריקען פון דער „ווידזעווער מאנופאקטור".

— דער פעטריקאווער גובערנאטאר האט ערלויבט צו גרינדען אין לאָדז אנ'ארטעל פון שוסטער-ארבייטער.

שטראפען פאר פויליש.

דער פעטריקאווער גובערנאטאר האט אדמיניסטראטיוו בעשטראפט; דעם ... ב. בירנצווייג צו בעצאהלען 15 ר' שטראף פאר'ן דערלאנגען דעם פאליציימייסטער א מעלדונג אויף א פאפיער מיט א פוילישער איבערשריפט; דער בוכהענדלער זילבערשאץ פון וואסבאדנזא № 29 פאר אויסהענגען א מודעה בלויז אין פויליש—צו 15 רובל שטראף, אדער 5 טעג ארעסט; די איינהאבערין פון א קאנדיטאריי ס. פאנעלסאן—צו 25 ר' אדער 7 טעג ארעסט פאר'ן אויסהענגען א בעקאנטמאכונג בלויז אויף פויליש.

„טייערע הוהנער".

(ג) אין דער צווייטער קרימינאל-אבטהיילונג פון פעטריקאווער אקרושנאי-סוד איז פערהאנדעלט געוואָרען דער פראצעס געגען 20 יעהריגען סטאניסלאוו קרויל, דעם 20-יאהריגען אלעקסאנדער גאבריסיאק און דער 27 יאהריגער אגא קאלינאווסקא. די בעשולדיגטע, וועלכע זענען ביז'ן פראצעס שוין אָבגעזעסען אין טורמע העכער צוויי יאהר, זענען אנגעקלאגט געוואָרען, אז זיי האבען אויף נאזזיא-ווארשאווסקא 53 ארויסגעגנב'עט 10 הינער פאר 20 רובל. דאס געריכט האט זיי פערמשפט די ערשטע צוויי צו זעקס חדשים און די דריטע—צו פינף חדשים טורמע, נישט פערעכענענדיג דערביי די צייט, וואס זיי זענען אָבגעזעסען ביז'ן פראצעס.

פארפאלען.

געשטארבען אויף דער גאס.

(ג) נעכטען ארום 6 א זייגער פאר נאכט איז אויף נאווראט-גאס 64 פלוצלונג געשטארבען אויפ'ן גאס א אונבעקאנטע יודישע פרוי. דער ארויסגערופענער דאקטאר האט פעסטגעשטעלט, אז די פרוי איז געשטארבען פון א בלוט-שטורץ. ווי ס'האט זיך דערנאך ארויסגעוויזען איז די פלוצלונג געשטארבענע די 73-יעהריגע פרוי שרה קעשקעוויטש פון נאווראט גאס 14.

מיט דעם פארפאל האט זיך פער-אינטערעסירט די חברא „חסד של אמת", וועלכע האט זיך בעמיהט, אז דער בר-מינן זאל באלד ארויסגעפיהרט ווערען אויפ'ן בית-עלמין. די לויה וועט פארקומען הייגט 12 א זייגער מיטאגס פון טהרה-הויז.

שלום-קופאן.

יעדער וואס שטעלט צו אזא שלום-קופאן אין דער אדמיניסטראציע פון „לאדזער טאגעבלאט" אדער צו אלע אונזערע אגענטען און צייטונגס-טרעגער, האט דאס רעכט צו פערלאנגען אלע 12 בענדער פון גרעץ'ס יודישע געשיכטע געבונדען אין 6 פראכט-טיילען אנשטאט פאר 16.50 נור פאר 3.60. דער דאזיגער קופאן איז נור גילטיג ביז צום 7-טען יולי נ. סטיל.

פערוואונדעט בעת דער ארבייט.

(ג) נעכטען ארום 4 א זייגער פאר נאכט האט זיך אין דער פאבריק אויף צעגעלניאנא גאס 68, דער ארבייטער וולאדיסלאוו נאמאן אבגעריסען די פינגער פון דער רעכטער האנד ביי דער מאשין, אין א שווערען צושטאנד האט איהם פאגאטאָוויע אבגעפיהרט אין שפיטאל פון רויטען-קרייץ.

אראבגעפאלען פון צווייטען שטאק.

(ג) נעכטען ארום 12 א זייגער מיטאגס איז אויף בזשעזשינער 63 פון צווייטען שטאק ארויסגעפאלען אויף דער גאס און זיך שווער פערוואונדעט דאס 4-יעהריגע קינד קאזימיעזש יוריק. אין א נויסדרינגען צושטאנד האט פאגאטאוויע דאס קינד איבערגעלאזט אין דער היים.

זעלבסטמארד.

(ג) נעכטען ארום פיער א זייגער פארנאכט האט מען אויף ארלא גאס 5 אין קעלער געפונען אנ'אויפגעהאנגענעם אונבעקאנטען, ווי ס'האט זיך דערנאך ארויסגעוויזען, איז דער אויפגעהאנגענער דער סטרוזש פון דערמאהנטען הויז יוליאן פערסטער, 64 יאהר אלט. דעם זעלבסטמארד האט ער אויסגעפיהרט אין א שכור'ען צושטאנד.

אנ'אנטיסעמיטישער סטרוזש.

פון די יודישע לאקאטארען פון בענעדיקטא № 12 האבען מיר בעקומען אנקלאגעס, אז דארט אין הויז איז שוין דריי חדשים פארהאן אנ'אנטיסעמיטישער סטרוזש, פון וועלכען די דארטיגע יודישע לאקאטארען און בעזונדערס די יודישע קינדער פון הויז שטעהען אויס געברענטע צרות...

דער סטרוזש מיט זיינע 5 קינדער האָבען קיין אנדער נאמען ניט פאר די יודען פון הויז: „זשיד פרעכו, ביילים"... דאס איז אָבער ווייניג. דער סטרוזש פאלט אויך אן אויף די יודען מיט וולגולים און בעליידיגונגען און עס קומען אויך פאר סקאנדאל-סצענעס אויפ'ן הויף צוליעב'ן סטרוזש.

דער בעל-הבית פון הויז, אברהם משה פשיטיצקי, האט שוין צוגעזאגט די יודישע לאקאטארען זעהען צו פערהיטען זיי, אז זיי זאלען ניט דארפען ליידען פון דעם אנטיסעמיטישען סטרוזש, אבער ער האט ביז עס איצט נישט ערפילט.

א הייסבלוטיגער שמיעד.

צום שמיעד איגנאץ מארשאל אויף וואַנגער גאס אין אנטאניעוו-סמאק איז פארגעסטערן געקומען דער דראשקעזש פון שרעדניא 166, סטאניסלאוו זעלינגאסקי וועגען פערריכטען א וואגען. פלוצלונג האט צווישען זיי אויסגעבראכען א קריגעריי, דער שמיעד האט געכאפט א האמער און דעם דראשקעזש דערלאנגט מיט'ן האמער אין קאפ און איהם שווער פערוואונדעט. פאגאטאוויע האט דעם פערוואונדעטען אבגעפיהרט אין שפיטאל און דעם שמיעד האט מען ארעסטירט.

א זעלבסט-מארד פון א 68-יאהריגען זקן.

אין זגערוש האט זיך פארגעסטערן אויפגעהאנגען ביי זיך אויפ'ן בוידעם דער 68-יאהריגער סטעפאן קרושינסקי, וועלכער האט געליטען אויף די פיס. מען האט איהם ערשט געפונען א געהאנגענעם אין דער פריה, ווען עס איז שוין אונמעגליך געווען איהם צו ראטעווען. די סבה פון זעלבסטמארד איז אונבעקאנט.

נדבות.

פון לאדזער רב שליט"א האבען מיר ערהאלטען 3 רובל פאר „מחזיקי הדת" און 2 רובל אויף „אוזדראוויסקא", וועלכע זענען ביי איהם איבערגעלאזט געוואָרען ביי'ם אויסגלייך צווישען די ה"ה הירשל לעווקאוויטש און מילך.

די פראווינץ.

(פון אונזערע קארעספאנדענטען).

זלאטשעוו.

דער קבלת פנים פון דעם היעזיגען רב.

די וואך איז דא ביי אונז אנגעקומען דער נייע אויסערוועהלטער רב הרב ר' יעקב דוד לעווקאוויטש דער ביז יעצטיגער בורזשעניגער רב.

עס זענען איהם אקעגען געפאהרען מקבל פנים זיין די אנגעזעהענסטע בעלי-בתים פון דער שטאדט מיט די דאזיגע רעם אין דער שפיץ, אלע געשעפטען זענען געווען פערמאכט. די פענסטער זענען געווען אילומינירט מיט ליכט און די גאנצע שטאדט האט געטראגען א יום-טוב'דיגען אויסזעהן. ווען דער רב איז אנגעקומען אין אונזער שטאדט איז די גאנצע יודישע בעפעלקערונג איהם אקעגען געגאנגען מיט מוזיק און איהם בעגלייט אין דער שוהל אריין, וואו דער רב האט געהאלטען א דרשה, וועלכע האט זעהר איינגענומען ביי'ם עולם. נאכדעם האבען אלע איהם אבגעגעבען „מזל טוב", „מזל טוב", דער-נאך איז פארגעקומען א מאהלצייט וועלכע האט זיך פערצויגען ביז אין דער פריה. אזא שמחה האט אונזער שטאדט נאך נישט געהאט.

דעם רב האט אויך בעגריסט דער היגער בירגמייסטער. אויך דער שעראדזער נאטשאלניק, וועלכער איז ספעציעל אהערגעקומען.

ז. ש.

לעצטע נאכט-דעפעשען.

די צואה פון טראנפאלגער.

ווין (ספ.) הייגט האט מען געעפענט די צואה פון ערמארדעטען טראנפאלגער און מען האט עס איבערגעגעבען דעם קייזער פראנץ-יאזעף.

ווי מען פערזיכערט פון זיכערע פאליטישע קוועלען, איז אין דער צואה אויסגעדריקט דער ווילען פון ערמארדעטען, אז מען זאל זיין קערפער בעגראבען נישט אויפ'ן בית עולם פון קאפוצינער קירך, נאר אין ארשטעטען ביי אמשטעטען, וואו דער טראנפאלגער האט אויסגעבויט פאר זיך א פאמיליען-קבר.

פונדעסטוועגען בעהויפטעט מען, אז דער קייזער פראנץ-יאזעף פערלאנגט, אז מען זאל דעם ערמארדעטען בעגראבען ביי דער קאפוצינער קירך.

ווין (פ.) אין דער אנוועזענהייט פון קייזער פראנץ-יאזעף ערצהערצאג קארל פראנץ יאזעף און פון אבער הויפמייסטער מאנטענואווא האט מען געעפענט די צואה פון ערצהערצאג פראנץ פערדינאנד. דאס גאנצע בעוועגליכע און אונבעוועגליכע פערמעגען נעהט איבער צו די קינדער. די הערצאגין האהענבערג קאן לויט דער צואה זיך נור בענוצען מיט די הכנסות פון דעם פערמעגענס.

א מיטגעפיהל-טעלעגראמע פון דייטשען קייזער

ווין (פ.) דאס דייטשע קייזערליכע פאר האט זיך געווענדעט מיט א מיטגעפיהל-טעלעגראמע צו דער עלטסטער טאכטער פון ערמארדעטען הערצאג, צווישען אנדערען ווערט אין דער טעלעגראמע געזאגט: מיט 14 טעג צוריק האבען מיר פערבראכט שיינע שעה'ן צוזאמען מיט אייערע עלטערן און איצט האבען מיר זיך דערוואוסט וועגען דעם גרויסען אומגליק, וואס ס'האט אייך געטראפען. גאט זאל אייך העלפען און געבען כחות, אז איהר זאלט קאנען אריבערטראגען דעם שרעקליכען צער.

מיטגעפיהל פון פראנצויזישען פרעמיער-מיניסטער און פארלאמענט.

פאריז (פ.) דער מיניסטער-פרעזידענט וויוויאני און דער פרעזידענט פון פראנצויזישען פארלאמענט דעשאנעל האבען אויסגעדריקט זייער מיטגעפיהל דעם קייזער פראנץ-יאזעף צוליעב דעם טויט פון ערצהערצאג פראנץ פערדינאנד.

מיטגעפיהל פון סערבישען קעניג.

בעלגראד (פ.) דער קעניג פעטער און דער טהראנפאלגער אלעקסאנדער האבען אויסגעדריקט מיטגעפיהל דעם קייזער פראנץ-יאזעף.

סאראיעוואָ (פ.) דער קייזער האט איבערגעגעבען דער ארטיגער אדמיניסטראציע, אז זי זאל איבערגעבען דעם פרעזידיום פון לאנדטאג, אויסצודריקען די סערבישע, כארוואטישע און מאכמעדאנישע דעפוטאטען זיין דאנק פאר די מיטגעפיהלס-טעלעגראמען.

טורכאן-פאשא—אויף דער לויה פון ערצהערצאג.

דוראצא (פ.) טורכאן-פאשא איז אויף א מינען-שיף ארויסגעפאהרען קיין וויען צו דער לויה פון ערצהערצאג אלס פארשטעהער פון דער אלבאנישער רעגירונג.

געפונען א באמבע.

סאראיעוואָ (פ.) אין דער וואוינונג פון א סערבישער פרוי האט מען געפונען א באמבע.

די וויענער צייטונגען וועגען די סערבישע פאגראמען.

ווין (פ.) די וויענער צייטונגען שילדערן די פאגראמען, וואס ס'זענען געמאכט געוואָרען אויף די סערבען אין סאראיעווא. קיין איין סערביש געשעפט, קיין איין סערביש הויז אדער וואוינונג איז נישט געבליעבען אונבעריהרט.

לויט ווי ס'מעלדען די צייטונגען איז דער פאגראם פארגעקומען אויפ'ן ברייטען אופן, צוליעב דעם, ווייל די פאליציי האט זיך נישט אריינגעמישט.

די פיינדליכע שטימונג געגען סערביען.

ווין (ספ.) בעת דער נעכטיגער זיצונג אין רייכסראט זענען פארגעקומען שטורמישע סצענעס פון די דעפוטאטען האבען זיך געהערט פיינדליכע אויסרופען געגען די סערבען. אויף דער גאס האט זיך דערווייל צונויפגעזאמעלט א גרויסער המון, וועלכער האט אויפגעפאדערט צו מאכען א פאגראם אויף די סערבען. די דעמאנסטראנטען זענען געגאנגען צו פערשיעדענע סערבישע אינסטיטוציעס און האבען צושטערט אלעס, וואס איז נאך געבליעבען גאנץ. צוליעב דעם, וואס די פאליציי איז צו שפעט אנגעקומען האבען די דעמאנסטראנטען פריי און פראנק אלעס צושטערט. בעת א צוזאמענשטויס וואס איז פארגעקומען מיט דער פאליציי זענען עטליכע פערוואונדעט געוואָרען.

צושטערט דרוקערייען.

סאראיעוואָ (פ.) דריי ארטיגע אפאזיציאנעלע צייטונגען זענען נעכטען ניט ערשיענען, ווייל מען האט צושטערט זייערע דרוקערייען.

סאראיעוואָ (פ.) א גרויסער טייל פון די כארוואטישע פאליטישע כלל-טהוער זאגען זיך ארויס געגען די געוואלד-טהאטען, וואס ווערען דא אויסגעפיהרט איבער די סערבען. די אונרוהען זענען ארגאניזירט געוואָרען פון מינדעריעהריגע, וועלכע ווערען אונטערשטיצט פון שטאדלער'ס פארטיי און פון א גרויסער צאהל כוליגאנעס, וועלכע בענוצען זיך מיט'ן צופאל ארויסצורופען אונרוהען.

א רעוויזיע אין א בילדונגס-געזעלשאפט.

פעטערבורג (פ.) בעאמטע פון דער „אכראנע" האבען געמאכט אנ'אבריסק אין דער סאמאפאניעווער בילדונגס-געזעלשאפט און צוגענומען אלע דאקומענטען. עס זענען פערהאלטען געוואָרען 100 פערזאן פון די אנוועזענדע. פון זיי האט מען 83 ארעסטירט, די איבריגע האט מען פריינעלאזען.

בעפרייט געוועזענע אגענטען.

קיעוו (ספ.) די געוועזענע אגענטען פון דער קיעווער „אכראנע" פאדאלקא און סמאלאוויק, וועלכע זענען פערמשפט געוואָרען צו א יאהר ארעסטאנטסקע ראטעס דערפאר, וואס זיי האבען בלומר'שט געוואלט בעווייזען, אז זיי האבען געפונען יושטשינסקי'ס זאכען, זענען בעפרייט געוואָרען נאכדעם, ווי זיי זענען אבגעקומען 9 חדשים פון זייער שטראף.

ארעסטירט א פרויענהענדלער

זשיטאמיר (ספ.) אויפ'ן פערלאנג פון דער אמעריקאנישער רעגירונג האט מען דא ארעסטירט איינעם הארענשטיין, וועלכער ווערט בעשולדיגט אין גנב'ענען צירהונג און אין האנדלען מיט לעבעדיגע סחורה.

אמעריקאנישער באטשאפטער.

וואשינגטאן (פ.) אלס אמעריקאנישער באטשאפטער אין פעטערבורג איז בעשטימט געוואָרען דזשארדוש-פעזי.

דערטרונקען 5 קינדער.

מינסק (פ.) בעת'ן באדען זיך זענען דערטרונקען געוואָרען 5 קינדער אין עלטער פון 8 ביז 15 יאהר.

שרפות.

לאנדאן (פ.) אין דער נאכט איז אין דריי מאגאזינען אויסגעבראכען א שרפה. די היזיקות זענען בעדייטענד. אין דעמזעלבען שטאדט-טייל זענען שבת פארגעקומען עטליכע שרפות, מ'איז חושד אונטערצינדונגען.

שטורמס.

טיפליס (פ.) צווישען די סטאנציעס מארעלים—מאליטא האט זיך אריבערגעטראגען א שרעקליכער שטורם דער גאנצער וועג איז פערפלייצט געוואָרען, כ'איז איבערגעריסען געוואָרען דער באהן-פערקעהר מיט באטום.

לייענט און אמוזירט זיך!

צוליעב דער גרויסער נאכפראגע איז ערשינען אין א 2-טער אויפלאגע

„מגילת-דאטשע"

פון י. אונגער

העכסט-געלונגענע הומאָרעסקען, וואו ס'ווערען אָרויסגעפיהרט אינטערע-סאנטע טיפען „לעטניקעס" און א גאנצע רייה קאָמישע סצענעס פון דאטשע-לעבען.

פרייז 15 קאפ.

צו בעקומען ביי אלע צייטונגס-פערקויפער.

ראַקאַמבאָל

II-טע סעריע קומט.

ס'איז ערשינען פון דרוק די צווייטע נומער פון די:

ערשטע יודישע ספאָרט-צייטונג.

מיט זעהר א רייכען אינהאַלט.

צו בעקומען ביי אלע צייטונגס - פערקויפער.

גרויסעס טעאטער ד"ר. י. זאנדבערג.

היינט דאנערשטאג

גאסטראָל פונ'ם בעקאנטען דראמאטישען שוישפיעלער

מר. מאררים וואקסמאן

געשפיעלט ווערט קארל גוטצקאָו'ס טראגעדיע

אוריאל אקאסטא

די הויפטראָלע „אקאסטא"-מר. מאררים וואקסמאן.

אין דער טראגעדיע בעטייליגען זיך די בעסטע קרעפטע פון אונזער בעקאנטען אַנסאמבעל.

מאָרגען פרייטאג צוליעב דער גענעראל-פראָבע פון דער שבת'דיגער פרעמיערע ווערט ניט געשפיעלט.

איבערמאָרגען שבת צוויי פארשטעלונגען

צוויי גאסטראָלען פונ'ם בעקאנטען דראמאטישען שוישפיעלער

מר. מאררים וואקסמאן

1) נאָכמיטאג 3 א זייגער ביי זעהר בילינע פרייזען פון 20 ביז 95 קאפ.

2) אבענדס 8¼ ביי געוועהנליכען פרייזען.

אין ביידע פארשטעלונגען ווערט אויפגעפיהרט צום ערשטען און צווייטען מאָל דאָס בעקאנטע מייסטערווערק פונ'ם פאָלולערען רוסישען שרייבער

ליעוו טאלסטאי

לעבעדיגער מת

אויספיהרליכעס מאָרגען פרייטאג אין „לאדזער טאגעבלאט".

בילעטען אויף די שבת'דיגע פרעמיערע „דער לעבעדיגער מת" בעקומט מען שוין היינט אין דער קאסע פונ'ם טהעאטער.

האָטעל „פּאלאסט"

וואנדערשטאק, דרוקמאן, געלבליום, פרושעד-באָרסקי אין 'מאסטאָוואי—ווארשא; וואהראפ-טיג—ברעסט-ליטאָווסק; וויאטראק—ראדאם; אייזלער—קיעלין; פעדער—סלאוצק; נראב-בעוווסקי—קאָווע; טאומאן—לובלין; בליומין—וויטעבסק; בידערמאן—שעדלעין; שאפירא—קישיניעוו; אגאניעסיאנץ—יעקאטערינאדאר; פאַנעל—בוקארעסט; נאָרדאן—ווילנא;

האָטעל „פּאסאוש".

ראפלאן — קאליש; אָרליאנסקי—ווארשא; קאגאן—וויטעבסק; פינקעלשטיין—טשיגירין; קאליש—יעליסאוועטגראד; לאגינאוו—טראוב-טשעווסקי; ראסטישעווסקי—שעדלעץ; צדק ראזענפעלד—קישיניעוו.

האָטעל „בריסטאָל"

סענאל—ווארשא; גאלדשטיין—ביאליסטאָק; טאמארקין און בארוליא—ראָמני; קאפוסטין—מעליטאָפאל; גילבורד—מאהילעוו; ניקאָוו—באלטא; אליווא—ווארשא; מאפטער—בערדי-טשעוו; עליסאן—וויטעבסק; פאריצקי—ראָמני; דעגטיאר — באלטא; בוגוסלאָלער—ווארשא; טאגמאניעווסקי—ראָמני; ראטנער—וויטעבסק; פוקסאן — מעליטאָפאל; יאקאָבי — ווארשא; גרינבערג—מאהילעוו-פאָדאָלסק.

רעדאקטאָר: י. אונגער.
ארויסגעבער: (ע. האמבורסקי. (א. טענענבוים.

אנגעקומענע סוחרים.

האָטעל „גראנד".

ראַמש, הירשבאנר, צווייער, קירשענבליום, רייכער און לעבי—ווארשא; קאפעטראָוויטש—ווילנא; ווייסבערג—לובלין; רעזינער און צי-טערמאן—רינא; שארשאראָוו און מאשקאָוו—יעקאטערינאדאר; סוויערטשינסקי—סקיערניע-וויץ; שולאמיצקי—ראָסטאָוו. הייסאן און של-זינגע—קיעוו; ווייפערט—מאָסקווא. רייסלער-גראָדנא; טשענטעמיראָוו און ביעדראסאָוו—לאָבינסק; שלעזינגער—מאהילעוו; שולץ—מאָסקווא.

האָטעל „וויקטאריא".

ליסאנאָר—בערלין; קליינערמאן, זאנדבערג, גאלדבערג און פאזנער—ווארשא; גינזבורג און זיסער—בערעסלאוול; גאריעליק—חארקאָוו; דעווקאָוויטש—טשענסטאָכאָוו; קראמער—מאס-קווא; מרדטשינסקי—קישיניעוו; פאזנאנסקי—באלטא; נאוואקאָווסקי—נאוואראדאָמסק; ניע-מאי—אָדעס; ווארסקי—קאליש.

האָטעל „סאוואי"

אטמא—פעטראקאָוו; ליווינסקי געברידער—וארשאווא; מאשקאָווסקי, עקערקאנסט, פעלד-חוזען און גריצהענדלער—ווארשא; וואָרפזאהן—ריגא; ביעלאָסערקאָווסקי—טשערקאסי; נאָרד-מאן—ווילנא; סאנדאמירסקי און ראָכלין—סטאָראָפּאָל; ראָזענבערג—איזיאָסלאָוו; גליא-נער—קראָטאָשין; טיקטין—גראָדנא; מאסקווא; הערבסט—חארקאָוו.



„אדאָל" איז אהן צווייפעל דאס בעסטע שוועניק-מיטעל.

פרייז פון א פלאקאָן 35 ק., א גרויסע פלאקאָן, וועלכע גענוגענט אויף אכט חדשים 1 ר' 50 ק'. 5587

צו פערקויפען

א שווארצע פיאנינא, אטאמאן, טיפנעס, שראנטשעניש, איין שפיעגעל, איין וואש-טיש. זאוואדזקא 19, וואהנ. 3 פון 2½ ביז 5 נאכמיטאג. 7001 3 1

3 צימער עם קיכע

מיט וועמעלכע בעקוועמליכקייטען 2 אינ-גענגע וויא אויך א האלבעס פראָנט-הויז, געזאנגענט פאר געשעפט אדער פריוואט-וואהנונג איז פון 14-טען יולי. צו פער-מיעטען, דלוגא 68. 7005 3 1

אסתר נאוואק
יצחק מאיר קופעלד

פערלאָבטע 015

לאָדז, אים יולי 1914.

ס'איז פערלוירען געוואָרען א בעמטעלע מיט געלד, געהעהנדיג פון זאוואדזקא 15 ביז דלוגא 5. געגען בעלאָהנונג אָב-צוגעבען אין רעדאקציע.

אויף א זומער-וואהנונג.

ס'ווערט געזוכט א מיטוואהנערין אויף א זומער-וואהנונג אין לאסקער וואלד זעהר בילינג. צו פרעגען: לאָדז, אָגראָדאָוואַ 20. יאנקעל הערינג-הענדלער. 009

צו פערמיעטען

פון 1 יולי, דלוגא 5. א לאדען נעבעסט צימער, וויא אויך 3 צימער און קיכע 2-טען שטאָק מיט וועמליכע בעקוועמליכקייטען. צו ערפאהרען ביים פערוואלטער. 1 019

זדאלנע פאדרענטשע

צו דאמען-שניידער-ארבייט ווערען געברויכט ביי רייכמאן, פעטריקויער 9. 1

צו פערמיעטען

פון 1-טען יולי איין לאדען מיט 1 צימער. זידזישעווסקא שטר. 23. צו ערפאהרען אין וואָרשטען-לאדען. 013

א יונג מיטעלער העמטען-נייער, עס קען זיין איין וועכען-נייער וויר נעזוכט. ביי ברוהמאן, ציגעלניאנא 53. 1— 014

א איינריכטונג

פון א אויפס געשעפט בילינג צו פערקויפען אין גוטען צושטאנד. ציגעלניאנא 50. וו. 16. 011 3 1

געאיבטע שטאפעררינס

ווערען געברויכט. שרעדניע 104 וו. 12. 7016 3 1

א דאמען-שניידערין

ווערט געזוכט ביי שלאסמאן, זגערושער שטר. 16. 984 1

די שעהנסטע

קאליגראפישע קאנטערסקע שנעל-שריפט לערנט אוים דער בעריהמטער פר' קאלי-גראף ל. בערמאן, זאוואדזקא 19 אין 15 לעקציאנען, די ערנסטע בזוגרי' בענע האנדשריפט ווערט אויסגעבעסערט אויף דער שעהנסטער שריפט, וואס איז א ציהרונג פאר בוכהאלטעריע און קאררעס-פאנדענציע. דער פרייז איז זעהר בילינג. דער וואס צאהלט אין פאר 2 שרעפטען לערען איך ראנדשריפט אומזאנסט. דער וואס קען גארניט שרייבען קען זיך אויסלערנען שרייבען גוט א בריעף אין איין מאנאט. פאר ערפאלג ווערט גאראנטירט. גענויער אדרעס: זאוואדזקא 19, וו. 1.

קאנצערט-גארטען
„מאנמייפעל"
טעגליך קאנצערט

פון ווארשויער סימפאניעשען ארקעסטער אונטער לייטונג פון ח' בראניסלאוו שולץ. פראָפעסאָר פון ווארשויער מוזיק. נעזעל. אנפאנג האלב 9, עס זאל- און פייערטאגען 8 אוהר. ענטרעע 50 קאפ. שילער 20 ק. סימפאניע-קאנצערטען 75 ק., שילער 30 ק. אבאנאמענטען 4,80.

צו פערמיעטען פון 1/14 יולי!

איין לאדען מיט איין צימער עם קיכע וואו עס איז איין איינגעפיהרטער פוטער-לאדען, אויך 2 צימער עם קיכע. זאוואדזקא 27 № צו ערפאהרען ביי בער סקאסאָווסקי! נעוואמיעסקא 30. 7018 2 1

א געמעבליערטע רעמיזע

מיט אייזערנע טירען און געוועלבט אויף הויפט קעלער-שטובען מיט עלעקטרישע בעלייכטונג צו פערמיעטען. פעטריקויער 38.

א פראנט-לאדען

מיט שעהנעם שויפענסטער און 2 איינגענג אויף וואנש אויך מיט אנגרענצענדע צי-מער צו פערמיעטען פון יולי. פעטריקויער שטר. 36. צו ערפאהרען ביים פערוואלטער.

הויכע פראָנט-קעלערם

מיט ראזורשעניע אויף עלעקטרישען מאטער פיר שטרימפף אדער אנדערע פאבריקאט זאפארט צו פערמיעטען אלגינסקא 12. 980 3 2

א גאלאנטעריע-געשעפט

איז איבערצוגעבען אין א גוטען פונקט מיט א קליינעם קאפיטאל. צו ערפאהרען אין אדמיניסטראציע ד. בל. 967 3 2

וואהנונג

בעשטעהענד אוים 5 צימער, קיכע, מעד-כען-צימער און וועמליכע בעקוועמליכקיי-טען, אומשטענדעהאלבער זעהר פרייזווערט אבצוגעבען. וואלטשאנסקא 10 (עקע צע-געלניאנע) וואהנ. 16. 966 3 3

טריקאחנעהערס.

ווערען געזוכט, וושלאנע 84 ביי מרדכי מאיר לאסקי. 997 2 2

בילינג צו פערקויפען

א איינריכטונג פון א שפייזע-צימער, גע-נוצטעס, סאלידע ארבייט, וויא אויך קאבי-נעט-גארניטור. צו ערפאהרען פעטריקויער שטר. 116, וו. 3. 7006 3 1

צו פערקויפען

בוכעס, טיש, שפיגעל, אטאמאן און טיש-לאמפע. קרוטקא 5. צו ערפאהרען ביים סטרוזש. 983 3 2

צו פערמיעטען

פער ואָהרט 1 צימער עם קיכע און 6 צימער עם קיכע מיט אלע בעקוועמליכ-קייטען, ציגעלניאנא 62. צו ערפאהרען ביים סטרוזש. 7004 2 1

Pokój z całodziennem utrzymaniem dla przyzwoitego mężczyzny (Izraelity) zaraz do oddania. Pańska 99, mieszk. 7. 7003 2 1

Dr. med. P. Braun

קרוטקא-שטר. 4, טעל. 35-35

געוו. אסיסט. פון בערלינער קליניקען ספעציאל-ארצט פיר הויט-וועגע-רישע- און געשלעכטס-קראנקהיי-טען, ספעצ. בעהאנדלונג דעם טריפער אין טיפילים נאך די נייעסטע מעטאָדען. עמפפאנגט פון 9—1 און פון 5—9, דאמען פון 3—5. בעזונדערעס ווארטע-צימער 5569

Dr. L. Klatschkin

ד"ר ל. קלאטשקין

קאנסטאנטינער 11.

ספעציאל-ארצט פיר הויט און וועגע-רישע קראנקהייטען. שפרעכשטונדען פון 9 ביז 1 און פון 6 ביז 8 אבענד. פיר דאמען בעזונדערעס ווארטע-צימער פון 5 ביז 6 נאכמ. 15267

פון אויסלאנד צוריקגעקעהרט

דר. לעוואקאוויטש

הויט וועגערישע מיסטאָג-לערען אונד מעגער שוויי. פיר סיפילים 606—914 טריפער - היילונג אהן שפריצוועגיעם לויט א נייע מעטהאדע) קאנסטאנטי-נער שטר. 12 געבען וועליום קעמער שפרעכשטונדען פון 9—1 אונד פון 6—8 נאכמ. דאמען פון 5—6.

דר. ל. פריבולסקי

פאלודניאווא 2, טעל. 13-59.

ספעציאל-ארצט פיר הויט, וועגערישע און, האאר-קראנקהייטען עם מענער-שוואכע, אויף קאסמעטישע פעלגען. בעהאנדלונג פון סיפילים נאך עהרליך האטא 606-914 אהנע בערופס שטערונג. היילונג מיט עלעקטריציטעט אונד וויבראציאנס-מאסאזש. שפרעכשטונדען פון 9—1 אונד 4—9. פיר דאמען 3—6 בעזונדער ווער-טעצימער.

ד"ר טראכטענהערץ
Dr. Trachtenherz

זאוואדזקא 6. טעל. 84-76

געוו. אסיסטענט דער פעטערסבורגער ספעציעלען שטאָדט שפיטעלע. ספעציאל-ארצט פיר סיפילים הויט וועגע-רישע קראנקהייטען אונד מענערשוואכע. בעהאנדלונג נאך עהרליך האטא 606—914 היילונג מיט עלעקטריציטעט. שפרעכשטונדען פון 8—2 און 5—9 דאמען פון 4 ביז 5. בעזונדערע ווארטע-צימער 1468

א סקלעפאווע

ווירד געזוכט אין פוטער-לאדען, זגערושער שטר. 42. 7007 2 1

ד"ר זילבערשטראם
Dr. J. Silberstrom

ארדינ. אים עמבולאט. פון רויטען-קרייץ

12 זאוואדזקא 12

הויט געשלעכטס אונד וועגערישע קראנק היייטען. (בעהאנדלונג מיט עהרליך-האטא 914—606) ערצטליכע קאסמעטיק. (ענטפערנונג לעבערפלעק חשיך, פלעקען א. ז. וו.) 12—2½ 5—8 ואנאמט 11—4

Шляма Абрамовъ Рубиновичъ потерялъ свой паспортъ, выдан. маг. гор. Петрокова. Отдать въ полицію. 988 3 2

Файвушъ Гершонъ потерялъ свой паспортъ, выдан. маг. гор. Лодзи, Отдать въ полицію. 995 3 2

Голда Шмуловъ Цигельманъ потеряла свой паспортъ, выдан. гм. Казаневъ, Рад. губ. Отдать въ полицію. 862 3 3

Хана Вайсбаумъ потеряла свой паспортъ, выдан. гм. Жогельница, Варш. губ. Отдать въ полицію. 3 3

Калиграфъ

Я. Берманъ, Полудневая 25, кв. 26. исправляетъ всякій некрасивый ломанный почеркъ, каждаго языка въ теченія 20 урок.

אין 20 לעקציאנען קענט איהר בעקומען די שענסטע און שנעלע האנדשריפט פאלודניאווא 25, 947

הויכע געמויערטע קעלער

נעוועלבט מיט געפלאסטערט'ז שטיין-פאדלאגעס, אויף וואונש אויך מיט עלעקטרישע בעלייכטונג זענען פער זאפארט צו פערמיעטען. פעטריקויער שטר. 16, צו ערפאהרען ביים ווירט.

פערשיעדענע

לאדענשרענקע און בופעטס

נעשאנגעט פיר פערשיעדענע בראנשען זעהר בילינג צו פערקויפען ביי

M. BERMAN, Petrikauer № 59. 5740

אדוואקאט

נ. וויינבערג

77 דלוגא 77

עמפפאנגט נור פון 5 ביז 8 נאכמיטאג. 12 5006

א. א אויך מיליטערזאכען און אלער ארט שתדלות און אלע רעגירונגס-אנשטאלטען.

פון 1/14 יולי נאוואמיעסקא № 5

וואהנונגען צו פערמיעטען

אין פראנטהויז מאניסטראצקא 8, 1, 2, 3 צימער און קיכע מיט אלע בעקוועמליכקייטען, לופטיגע געגענד, געגענאיבער דער יודישער גימנאזיע.

אין קאנטאָר

בעקומט מען דעם „לאדזער טאגעבלאט" ביי אונזער אגענט ה' לייב גאָלדמאן פיעטריקאווער גאס.

אנאנסען

פאר'ן „לאדזער טאגעבלאט" נעהמט אן אין בראָזשעזין אונזער פערטרעטער ה' א. שאפמאן

האמבורג-אמעריקא-ליניע
נארד-דייטשע ללאָיד

בעקוועמע, זיכערע אונד שנעלע פערזאָנען-בעפערדערונג נאך אלען איבערזעעאישען פלעצער דירעקט אהן א פערעסאדקע איבער ברעמען, האמבורג, ראטערדאם און אנטווערפען

מען זאָל זיך ווענדען מיט פאָלען פערטרויען צו די געכסטע קאנטראָל-סטאציאָן, וועלכע ערטיילט יעדע נעהערישטע אויסקונפט אונד פערקויפט בילעטען צו אָריגינאל-פרייזען דער דאמפשיפפגעזעלשאפטען.

יעדער, וועלכער וועט זיך איינער קאנטראָל-סטאציאָן אנפערטרויען געניסט פאָלקאָמענעם פערזענליכען שוץ אונד איז זיכער ביי ערפיללונג דער לאנדעס-בעדינגונגען אין איבערזעאישען האפען, אז ער וועט זיין ציעל ערגרייכען, מיט דען לאנדעס-בעדינגונגען מאכט יעדע קאנטראָל-סטאציאָן יעדען בעקאנט.

די קאנטראָל-סטאציאָנען בעפינדען זיך:

אין באַיאהרען ביי מעטעל	פערשטעהער הערר	אבעלמאן
. טילזיט	.	פרימש
. איידקונען	.	ביינען
. פראסטקען	.	בארון פאָן קייזערלינג
. אילדאָגרא	.	וואזניאנסקי
. מחאָרן-טאקקער	.	פויל זעלטמאן
. פּאָזען	.	ארטור עלונער
. אָסטראָווא	.	העננער

074 78

זאמער-פאהרפלאן

פון דער לאָדזער פאבריק-אייזענבאהן אונד דער ווארשויער-קאלישער באהן, זאווי מיט דער קאָמוניקאציאָן בעפינדליכען באהנען.

קאָלושקי — לאדז.

										אבפאהרט דער ציגע:
										אוים
—	12^{46}	9^{41}	—	—	12^{30}	—	—	—	4^{16}	לובלין דורךווארש.
—	—	6^{45}	—	12^{30}	—	—	—	4^{16}	—	לובלין דורך סקאר.
—	—	11^{43}	—	5^{50}	—	—	—	11^{25}	—	קיעלצע
—	—	1^{53}	—	8^{10}	—	—	—	10^{29}	—	ראדאם
—	—	2^{08}	—	7^{16}	—	—	—	1^{21}	—	סקארזיסקא
8^{53}	—	5^{19}	—	9^{54}	—	6^{22}	—	4^{21}	—	טאמאשאוו
4^{06}	1^{07}	—	8^{47}	7^{01}	3^{18}	—	12^{31}	10^{58}	—	סאסנאוויצע
—	—	—	—	—	—	—	—	—	—	דאמבראווא
7^{28}	10^{40}	—	8^{35}	10^{35}	—	—	4^{00}	12^{55}	—	וויען
—	9^{50}	—	5^{20}	3^{55}	—	—	10^{15}	6^{45}	—	קראקוי
4^{38}	1^{50}	—	6^{08}	7^{50}	—	—	1^{33}	10^{53}	—	גראניצא
6^{46}	3^{57}	—	11^{28}	9^{26}	5^{36}	—	5^{03}	1^{56}	—	טשענסטאכאוו
9^{00}	6^{16}	—	1^{29}	11^{04}	7^{46}	7^{00}	4^{24}	4^{06}	—	פיעטריקאוו
—	—	10^{00}	12^{25}	—	—	—	—	—	6^{00}	מאסקאוו
—	—	6^{45}	11^{45}	—	—	—	—	—	11^{15}	פעטערסבורג
7^{50}	6^{28}	4^{15}	1^{55}	7^{46}	7^{28}	5^{40}	—	—	12^{58}	ווארשאו
—	12^{07}	—	—	—	—	—	—	—	—	ווירארדאוו
—	—	—	11^{55}	—	—	7^{20}	—	—	9^{26}	בערלין (פרידר.)
—	1^{55}	—	8^{11}	4^{08}	—	11^{22}	—	—	5^{47}	ציעכאצינעק
—	2^{10}	—	9^{25}	9^{58}	—	3^{27}	—	—	6^{08}	אלעקסאנדראוו
9^{14}	8^{38}	5^{49}	8^{04}	9^{46}	8^{53}	7^{28}	—	—	2^{48}	סקיערניעוויצע
—	—	—	—	—	—	—	—	—	—	ראגאוו
										אנקונפט אין קאלושקי:
10^{12}	9^{10}	6^{47}	3^{40}	10^{43}	9^{52}	8^{34}	—	—	3^{34}	אוים ווארשאוי
9^{58}	7^{16}	—	2^{19}	11^{46}	8^{42}	—	5^{18}	5^{38}	—	. סאס. אין גר.
—	—	—	—	—	—	8^{08}	—	—	—	. טשענסטאכאוו
9^{57}	—	6^{23}	—	11^{47}	—	7^{27}	—	5^{16}	—	. טאמאשאוו
10^{20}	9^{28}	6^{57}	3^{50}	11^{58}	10^{00}	8^{55}	6^{28}	6^{53}	3^{50}	אבפאהרט אוים קאלושקי
11^{00}	10^{18}	7^{43}	4^{38}	1^{00}	10^{40}	9^{40}	7^{58}	7^{58}	4^{48}	אנקונפט אין לאדז

שפאציערצוג (פ. 19/IX—20/V)

—	—	1^{50}	—	אבפאהרט אוים טאמאשאוו
—	—	2^{53}	—	אנקונפט אין קאלושקי
8^{10}	5^{20}	3^{15}	7^{50}	אבפאהרט אוים קאלושקי
8^{30}	5^{37}	3^{33}	7^{56}	. . ושאקאוויץ
8^{31}	5^{58}	3^{38}	8^{03}	. . גאלקובעק
8^{51}	5^{56}	3^{53}	8^{16}	. . אנדושעיצע
9^{16}	6^{20}	4^{18}	8^{35}	אנקונפט אין לאדז-פ. .

קאלישער באהן אונד קאלושקער ווייטענליניע

5^{59}	2^{07}	—	—	3^{45}	—	. אבפאהרט אוים ברעסלאו
7^{43}	9^{43}	—	—	11^{05}	—	. . . בערלין
3^{00}	1^{59}	—	—	3^{30}	—	. . . פאזען
9^{59}	5^{00}	1^{00}	7^{05}	7^{08}	—	. . סקאלמערזיצע
11^{28}	6^{50}	2^{30}	9^{45}	8^{58}	—	. . קאליש
12^{58}	8^{05}	3^{58}	11^{33}	9^{43}	7^{13}	. . שעראדז
2^{16}	9^{57}	5^{31}	12^{50}	10^{56}	8^{43}	. . . אנקונפט אין לאדז-ק.
6^{00}	1^{44}	8^{33}	12^{35}	—	—	. אבפאהרט אוים מאסקוי
11^{15}	6^{50}	11^{45}	—	—	—	. . פעטערסבורג
11^{10}	2^{41}	12^{30}	8^{08}	—	—	. . ווארשוי-ק.
3^{08}	6^{00}	4^{28}	11^{44}	—	—	. . אנקונפט אין לאדז-ק.
—	—	—	—	1^{12}	—	. אבפאהרט אוים סקארזיסקא
—	—	—	—	4^{11}	—	. . טאמאשאוו
—	—	—	—	7^{13}	—	. . . אנקונפט אין לאדז-ק.

לאדז — קאלושקי.

8^{40}	6^{15}	5^{30}	3^{50}	1^{50}	12^{50}	9^{33}	8^{05}	7^{35}	12^{15}	אבפאהרט אוים לאדז
9^{30}	7^{00}	6^{30}	4^{50}	2^{55}	1^{30}	10^{35}	8^{50}	8^{15}	1^{17}	אנקונפט אין קאלושקי
										אבפאהרט אוים קאלושקי:
9^{38}	7^{34}	6^{08}	—	3^{03}	1^{38}	11^{30}	8^{53}	8^{35}	5^{18}	נאך ווארשוי
10^{30}	—	—	—	—	—	—	—	—	—	. פיעטריקאוו
—	9^{26}	—	5^{09}	4^{18}	2^{08}	11^{00}	—	8^{52}	1^{33}	. גראניצא סאס.
10^{28}	7^{48}	—	—	4^{09}	—	11^{28}	9^{11}	—	2^{00}	. טאמאשאוו סק.
										אנקונפט אוים לאדז:
										אין
—	—	—	—	3^{37}	1^{50}	—	—	—	—	ראגאוו
10^{25}	8^{54}	6^{47}	—	3^{57}	2^{24}	12^{39}	9^{58}	9^{14}	5^{57}	סקיערניעוויצע
3^{33}	—	11^{18}	—	9^{30}	8^{00}	—	—	2^{55}	10^{50}	אלעקסאנדראוו
6^{15}	—	12^{08}	—	10^{10}	7^{18}	—	—	3^{40}	11^{45}	ציעכאצינעק
11^{35}	—	—	—	6^{15}	—	—	—	12^{07}	7^{18}	בערלין פרידריכשטר.
—	—	—	—	4^{51}	—	—	—	—	—	ווירארדאוו
11^{40}	9^{43}	7^{58}	—	5^{48}	4^{08}	1^{40}	11^{58}	10^{18}	7^{05}	ווארשוי
—	7^{30}	—	—	—	—	12^{08}	—	—	7^{08}	פעטערסבורג
6^{40}	—	9^{40}	—	8^{25}	—	4^{00}	—	—	1^{35}	מאסקאוו
11^{55}	10^{31}	—	5^{40}	5^{18}	3^{05}	11^{58}	—	9^{37}	2^{18}	פיעטריקאוו
—	12^{20}	—	7^{38}	—	3^{05}	2^{31}	—	11^{43}	3^{40}	טשענסטאכאוו
—	—	—	9^{05}	11^{55}	5^{44}	4^{55}	—	1^{53}	5^{50}	גראניצא
—	—	—	1^{38}	3^{07}	8^{18}	8^{10}	—	4^{51}	8^{40}	קראקוי
—	—	—	6^{50}	8^{34}	—	6^{47}	—	9^{33}	3^{00}	וויען
—	—	—	—	—	—	—	—	—	5^{40}	דאמבראווא
—	2^{49}	—	9^{34}	12^{00}	6^{33}	5^{06}	—	2^{38}	6^{01}	סאסנאוויצע
11^{28}	8^{50}	—	—	5^{01}	—	12^{18}	9^{58}	—	2^{58}	טאמאשאוו
—	10^{59}	—	—	—	—	—	12^{33}	—	5^{48}	סקארזיסקא
—	2^{29}	—	—	—	—	—	1^{37}	—	8^{17}	ראדאם
—	1^{04}	—	—	—	—	—	2^{46}	—	7^{50}	קיעלצע
—	6^{33}	—	—	—	—	—	9^{36}	—	2^{17}	לובלין דורך סקאר.
6^{33}	—	—	—	—	—	9^{38}	—	4^{18}	2^{17}	לובלין דורך ווארש.

שפאציערצוג (פון 19/IX—20/V)

—	—	7^{35}	2^{55}	. אבפאהרט אוים לאדז-פ.
—	—	8^{00}	3^{23}	. . אנדושעיצע
—	—	8^{23}	3^{43}	. . גאלקובעק
—	—	8^{30}	3^{53}	. . ושאקאוויץ
—	—	8^{55}	4^{00}	. אנקונפט אין קאלושקי

קאלישער באהן אונד קאלושקער ווייטענליניע

3^{17}	8^{08}	6^{07}	4^{40}	12^{00}	8^{00}	. . . אבפאהרט אוים לאדז
—	9^{33}	—	—	—	—	. . . אנקונפט אין שעראדז
6^{03}	—	8^{33}	7^{55}	2^{58}	11^{10}	. . . אנקונפט אין קאליש
7^{33}	—	10^{08}	—	4^{35}	12^{37}	. . סקאלמערזיצע
1^{43}	—	2^{48}	—	9^{34}	2^{50}	. . . פאזען
8^{34}	—	10^{54}	—	5^{00}	7^{37}	. . . בערלין
10^{55}	—	12^{57}	—	8^{50}	3^{16}	. . . ברעסלאו
—	—	2^{31}	6^{58}	1^{03}	11^{04}	. . אבפאהרט אוים לאדז-ק.
—	—	6^{11}	9^{40}	4^{58}	2^{09}	. . אנקונפט אין ווארשא-ק.
—	—	7^{05}	7^{30}	—	12^{08}	. . פעטערבורג
—	—	1^{53}	6^{40}	9^{43}	8^{40}	. . מאסקוי
—	—	—	6^{16}	1^{11}	—	. . אבפאהרט אוים לאדז-ק.
—	—	—	8^{53}	5^{01}	—	. . אנקונפט אין טאמאשאוו
—	—	—	10^{53}	—	—	. . סקארזיסקא

אנמערקונג: די פעטגעדרוקטע ציפער מיינט די צייט פון 6 אוונט אבענד ביז 5 און 59 מינוט פריה.

Тип. М. Гамбурскій и Ко. Лодзь, Петр. 16.

Редакторъ: И. Угеръ. Издатели: Э. Гамбурскій, А. Тененбаумъ